NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04702

YUNGVALD

*Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. Alan Shalita
in memory of
Daniel Baum*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ביילאגע צו „סאָוועטיש היימלאנד"

יונגוואלד

נומ. 10

פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל" • מאָסקווע • 1990

Содержание

אינהאלט

Новые произведения		**נײַע ווערק**
Геннадий Эстрайх. Жизнь — это игра.	4	געננאַדי עסטרײַך. **דאָס לעבן איז א שפּיל**
Александр Ярмаков. Феликс Хаимович. Стихи	16	אלעקסאנדער יארמארקאָוו. פעליקס כאַימאָוויטש. **לידער**
Михаил Крутиков. «Видервукс»	19	מיכאַיל קרוטיקאָוו. **„ווידערוווּקס"**
Лея Робинсон. Два ключа	27	לייע ראָבינסאָן. **צוויי שליסלען**
Современная еврейская проза		**הײַנטצײַטיקע ייִדישע פּראָזע**
Ихил Шрайбман. Рассказы	32	יעכיעל שרײַבמאַן. **דערציילונגען**
Авром Суцкевер. Янина и зверь	57	אווראָם סוצקעווער. **יאנינא און די כײַע**
Хаим Меламуд. В гостях у ЧК	77	כאַים מעלאמוד. **צוגאַסט אין טשעקאַ**
Еврейская поэзия США	93	**ייִדישע פּאָעזיע פון פשא**
Шолом Аш. Библейские истории	119	שאָלעם אש. **מײַסעלעך פון כומעש**
Илья Абель. Еврейский напев	132	איליא אבעל. **דער ייִדישער ניגון**
Письма из-за рубежа	138	**בריוו פון אויסלאנד**

נײַע ווערק

НОВЫЕ ПРОИЗВЕДЕНИЯ

דאָס לעבן איז א שפּיל

— ניט איינס, ניט צוויי, ניט דרײַ...

אזוי פלעגט עדיקס באַבע אויסרעכענען, וויפל טעלער דארף מען שטעלן אפן טיש. די צאָל טעלער איז געווען א פארענדערלעכע גרייס — עמעצער פון די בני־בית האָט געקאָנט אין דער צײַט ניט זײַן אינדערהיים. כוץ דעם — געסט. דעמלט, אין די פופציקער, איז געווען נאָרמאַל ניט באַרויגעז ווערן, טאָמער אן אוירעך — א קאָרעוו, צי א פרײַנט, צי סטאַם א באַקאַנטער — פלעגט אראָפּפאלן ווי פונעם הימל. און ווי־אזוי, פרעגט זיך א קאשע, וואָלט מען געקאָנט וואָרענען וועגן א באַזוך, ווען קיינער אין זייער ארום האָט ניט געהאַט קיין טעלעפאָן, און שיקן איינער דעם אנדערן טעלעגראַמעס, ווי סאָמערסעט מאָעמס לאָנדאָנער טוישווים, איז אין יענער געגנט, באַם דניעפּער, פארפירט ניט געווען.

— ניט איינס, ניט צוויי, ניט דרײַ...

דער סאַכאַקל פלעגט אָפּטמאָל זײַן א היפּשער, באַזונדערס יעדן זונטיק, ווײַל קאָלזמאַן די באָבע לייע האָט געלעבט, איז די סוויווע געווען זייער א ברייטע: אלע עדיקס מומעס און פעטערס מיט זייערע מישפּאָכעס, אלע קרויווים, קעמוי קרוי־ווים און מעכוטאָנים, און אפילע דער טויבער מאָטל בערזשי־גאל, גאָר דעם פערדס בײַטשס שטעקעלע.

דערנאָך איז די באָבע געשטאָרבן, און יעדעס געזינד האָט זיך אוועקגעשטעלט א טעלעפאָן — דאָס בעסטע מיטל, קעדיי פארטראָגן א מיטמענטשנס אוולע.

— ניט איינס, ניט צוויי, ניט דרײַ...

עדיק האָט זיך דערמאָנט אין דער באָבע לייעס אומאָפּטיילבארן „ניט”, ווען מיט העט־העט יאָרן שפּעטער האָט ער זיך געטאָפּטשעט אף א טרעפּצווישן, אין א ריי, פון וועלכער עס האָט זיך געשלאָגן א געדיכטער סיגארעטן־רויך. דער עק פון דער ריי איז געווען ערגעץ אפן דריטן שטאָק, און דער סאָף האָט זיך פארבייגלט אפן פינפטן, בא דער דירע מיט אן אופשריפט איבער דער ארײַנגאנג־טיר: „אומגעבעטענע געסט! נאָ פאסאראן אָן א פּראָקוראָרס סאנקציע”. און נידעריקער, שוין אפן דערמאטין גופע, איז מיט א סקאָטש־טאשמע צוגעקלעפּט געווען א פּאפּירל: „דאָ וועט הײַנט זײַן א פּורים־שפּיל”.

די טיר פון דער דירע האָט זיך געעפנט, און א באלײַבטע יידענע מיט בלוי־גראָווע האָר האָט אָפּגעגעבן א קאָמאנדע:

— דרײַסיק מענטשן!

זי האָט גענומען דורכלאָזן פּאזע זיך די ערשטע אין דער ריי באלאָנים, אָפּציילנדיק:

— איינס, צוויי, דרײַ..., נײַן און צוואנציק, דרײַסיק. שוין.

עדיקס ווײַב איז געווען די איין־און־דרײַסיקסטע, די טיר האָט זיך פארמאכט אונטער איר נאָז.

עמעצער פון די עפּעס־און־דרײַסיקסטע צי אפילע עפּעס־און־פערציקסטע האָט אופגעבראכט ארײַנגעזאָגט, אז יידן ציילט מען ניט, ביפראט נאָך אף פּורים.

— סאָציאליזם איז דיסקאָנט, — האָט דערקלערט דער דרײַ־און־דרײַסיקסטער — א דארער יאט אין א רעגנמאנטל.

ניט עדיק, ניט מארינע, עדיקס ווײַב, האָבן פריער ניט געזען קיין פּורים־שפּיל. נאָך מער — זיי האָבן פריער אפילע ניט געהערט און ניט געוווּסט, וואָס איז דאָס אזוינס. דאָס מאָל האָבן זיי פּאָפּאדיעט אף אזא אונטערנעמונג אויך ביז גאָר צופעליק. פּאָשעט מיט עטלעכע וואָכן צוריק האָט זיך צו זיי פלוצעם ארײַנגעשטעלט שוריק עלקין, מיט וועמען זיי האָבן זיך באקענט דעם פאראיאָריקן זומער אפן פּיארנער פּליאזש

און פון דעמלט אָן אונטערגעהאלטן עפּעס א פריינטשאפט. צוזאמען מיט אנדערע ראשיקע סענסאציעס, צו וועלכע שוריק האָט ביכלאל געהאט א גוסט, איז דעם פאָרפאָלק מיטגעטיילט געוואָרן, אז שוריקס „טוסאָווקע" האָט געשטעלט א גלענצנדיקע פורים־שפיל, ער אליין באטייליקט זיך אויך אין אָט דעם ספּעקטאקל — אלס פארבייטער אף מאָרדעכייס ראָל. (דאָס וואָרט און דער באגריף „טוסאָווקע" וועלן, איך גלייב, אינגיכן פינקטלעך פארטייטשט ווערן אין פארשיידענע ווערטערביכער. דאָ וועט אפּאָנעם זיין גענוג צו דערקלערן, אז אפן מאָסקווער ארגאָ באטייט דאָס וואָרט א סוויווע פון מיטדענקער, וועלכע קלייבן זיך צונויף — „טאשעוועז זיך" — צוליב א געמיינזאמען ציל אָדער צייטפארברענג.)

ווייטער האָט שוריק געפלעפט דאָס יונגע פאָרל מיט א געשיכטע פון פריערדיקע רעדיפעס קעגן די פורים־שפילער. דאן, מיט א יאָר צוריק, האָט די מיליציע פארהאלטן סיי די אקטיאָרן גופע, סיי די באלעבאטים, וועלכע האָבן געגעבן זייערע דירעס פאר די פאָרשטעלונגען, סיי אפילע איניקע צושויער.

— דעריבער זיינען מיר, — דאָ האָט שוריק געמאכט א פּאוזע, קעדיי אונטערשטרייכן זיין דירעקטע שייכעסדיקייט צו אָט די „מיר", — געקומען האיאָר צו א באשלוס, אז מע דארף פארבאָטן אלע טעלעפאָן־שמועסן אף דער דאָזיקער טעמע און ביז דער לעצטער מינוט האלטן בעסאָד די אדרעסן פון די דירעס.

גלייך ווי א שאָטן פון אלעקסאנדער זשעליאבאָוון איז דעמלט אריין אין זייער צימער מיטן פענצטער אף דער אמבאסאדע פונעם קיניגרייך נעפאל. עדיק האָט זיך דערפילט באליידיקט. אים האָט ניט אזוי ארויסגעבראכט פון די קיילים מארינעס אנציקטער בליק, ווי דאָס פארשטיין, אז ער אליין קוקט אף שוריקן מיט פונקט אזעלכע ברייט צעעפנטע אויגן.

— און וויאזוי זשע קאָן מען זיך דערוויסן, ווו און ווען וועט זיין די פאָרשטעלונג? — האָט אדורכגעשטאמט עדיק. אים האָבן ניט אזוי אינטערעסירט די עצעם פראָטים, ווי ער

האָט געוואָלט טייקעף וויסן, אַז אים אַרט ניט די פּערספּעקטיוו פון אַרײַנפּאַקן זיך אין מיליציע.

— בא דער סינאַגאָגע. אַלע, ווער עס וויל, וועלן דאָרט קאָנען באַקומען דעם אַדרעס.

ביזן פּורים איז געבליבן אַ וואָך, ווען צו עדיקן איז אָף דער אַרבעט צוגעגאַן מינענקאָוו, דער קאָמיוגישער לידער פון זייער קאָנסטרוקטאָרן-ביוראָ.

— עדיק, הער זיך אײַן, — האָט ער גענומען שטיל פּאָנ-פּען אין זײַנע געדיכטע וואָנצעס, — אונדזער ביוראָ האָט באַקומען אַ מעגלעכקײַט אַרײַנעמען אַ מענטשן אין דער פּאַרטיי. ס'איז פאַראַן אַ מיינונג, אַז דײַן קאַנדידאַטור איז דאָס מאָל די סאַמע פּאַסיקסטע. — ער האָט ברייט אויסגעשטשירעט זײַנע קימאַט נאָך אַלע געזונטע ציינער. — אַזוי אַז שלאָף איבער הײַנט די נאַכט מיט אָט דער בסורע, און מאָרגן גיי צו צו מיר, כ'וועל דיר געבן די גאַנצע מאַקולאַטור, וואָס מע דאַרף גרייטן. אָפּגערעדט? — און ער איז אַרויס פונעם צימער.

אַזאַ מיינונג איז געווען אַ גערעכטיקע, עדיק האָט זי קאָשער פאַרדינט. ער האָט שוין פינף יאָר געהאָרעוועט אינעם קאָמיוג-קאָמיטעט, געשלעפּט דעם פּראָדוציר-סעקטאָר. דאָס האָט ער פאַנאַנדערגעאַרבעט מער-ווייניקער לאָגישע און דערייבער באַרימטע טאַקאָנעס פאַר אונטערצייען סאַכאַקלען פון דער סאָציאַליסטישער פאַרמעסטונג צווישן פאַרשיידענע אָפּטיילן און לאַבאָראַטאָריעס פון דער ביוראָ. דער ערשטער, וועד עס האָט אָפּגעשאַצט עדיקס שאַפונג, איז געווען זייער גענעראַל-דירעקטאָר.

— אָט דער ווײַסמאַן איז, ווײַזט אויס, ניט קיין נאַר, — האָט ער געזאָגט זײַן שטאַלטנעם פּאַרטיי-סעקרעטאַר. — אויב אַ מענטש קאָן גאַנץ פאַרשטענדלעך פאַרטײַטשן אַזאַ... — און דער דאָזיקער ביז גאָר ראַציאָנעלער מאַנצבל האָט מיט זייער אַ שלעכט וואָרט דעפינירט דאָס קאָדשע-קאָדאָשים פונעם סאָציאַליסטישן פּראָדוציר-אויפן.



עדיקס מעטאָדיק איז א געוויסע צײַט (א ביסל מער פון איין הייך־סעזאָן) געווען גאנץ פּאָפּולער, זי האָט באקומען א זילבערנע מעדאל אף דער אויסשטעלונג פון די דערגרייכונגען פון דער פאָלקסווירטשאפט, און דעם אווטאָר האָט מען אפילע פאַרגעלייגט גרייטן אף איר סמאך א קאנדידאטן־דיסערטאציע. ער האָט זיך דעמלט אָפּגעזאָגט, כאָטש דער פּראָפעסאָר פונעם אינסטיטוט אף פלעכאנאָווס נאָמען האָט אים פארזיכערט, אז אף זייער קאטעדרע פון וויסנשאפטלעכן קאָמוניזם וואָלט ער אין דרײַ יאָר ארום שוין געווען א קאנדידאט.

זײַן טרוים איז אָבער געווען צו ווערן א קאנדידאט (און שפעטער עפשער אפילע דאָקטאָר) פון פיזיק־מאטעמאטישע וויסנשאפטן. אָט דער טיטל האָט געקלונגען ערנסט, מע קאָן אפילע זאָגן — לײַטיש, אין דער צײַט, ווען אלע „געזעלשאפטלעכע" אויספאָרשונגען פלעגן בא אים ארויסרופן א געפיל פון מיטלײַד. אזא ספעציפישע באציִונג צו די האָרעפּאשניקעס פונעם געזעלשאפטלעכן פראָנט איז בא עדיקן געווען פאר־בונדן מיט אן איבערלעבונג פון זײַן סטודענטישער יוגנט, ווען ער האָט אין אלושטע געהאט א צווייטאָגיקן ראָמאן מיט א ביז מעשוגאס לײַדנשאפטלעכער פרוי. איר מאן, א „וויסנשאפטלעכער" קאָמוניסט פון עפעס א כארקאָווער הויכשול, פלעגט יעדעס יאָר ארויסלאָזן די דאָזיקע בעסטיִע אף דער פרײַ, זי זאָל קאָנען אקומולירן די נייטיקע פאָרציע אײַנדרוקן און דערנאָך האכנאָעדיק אויסהאלטן דאָס געמיינזאמע לעבן מיט א שוואכקרעפטיקן טעאָרעטיקער פונעם אנטוויקלטן סאָציִאליזם. די דאָזיקע צופעליקע דערפארונג האָט עדיקן פיזיִאָלאָגיש אָפּגעשטויסן פון דער פאָרגעלייגטער ארט טעטיקײַט, פונקט אזוי, ווי זײַן פעטער זינאָווי האָט ניט געקאָנט אפילע קוקן אף פאָמעראנצן, מאכמעס זיי זײַנען אמאָל געווען פראקטיש דאָס איינציקע, וואָס ער, אן ארבעטלאָזער פארטייער פון לאָדז, האָט געקאָנט זיך פארגינען אין ערעץ־יִסראָעל.

דאָס, וואָס עדיק האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אזא פאָליטיש אָנגעזעטיקטער לעבנס־טראיעקטאָריע, באטײַט לאָכלוטן ניט, אז זײַן אידעאָלאָגישע פאָזיציע איז געווען ניט אינגאנצן רײַף.

אדעראבע. די גאנצע מישפּאָכע ווײַסמאַן איז ביכלאל געזעסן רויִק איבערצײַגט, אז קיינער קאָן צו זיי ניט זײַן גלײַך, ווײַל זיי זײַנען געבוירן געוואָרן ניט אין דער אומבעראכמאָנעסדיקער קאפּיטאליסטישער וועלט, נאָר מיזרעך־צו פֿון בריסק און טשאָפּ. עדיקס איבערצײַגונג האָט גוט אָפּגעשפּיגלט אן אומבאוווּסטער מײַסטער פֿון פּלאקאטן־קונסט, ווען ער האָט אָנגעשריבן איבער דעם ארײַנגאנג אין זייער ביוראָ „דער קאָמוניזם וועט זיגן אומפֿארמײַדלעך“ און ניט אוועקגעשטעלט קיין שום צייכן נאָך אָט די שלאָגווערטער. גראָד אזוי, אָן קיין פּינטל, אויסרופֿצייכן אָדער, כאָלילע, פֿרעגצייכן, האָט געגלייבט אינעם מאגיסטראלן וועג עדיק ווײַסמאַן, ווען מע האָט אים ערעוו פּורים פֿאַרגעלייגט ארײַנצוטרעטן אין דער פּארטיי.

עדיק האָט ערשט גענומען לייענען די מאטעריאלן פֿונעם XXV צוזאמענפֿאָר פֿון קפּסס — מינענקאָוו האָט געוואָרנט, אז אין ראיקאָם פֿרעגט מען אָפּטמאָל אף א ביז גאָר ערנסטן אויפֿן, באזונדערס די קאָנטראָל־ציפֿערן פֿונעם צענטן פּינפֿיאָר. אָבער ער האָט קוים באוויזן פֿארגעדענקען, אז דער פּראָדוקציע פֿון דער שווערער אינדוסטריע איז באשערט געווען אויסוואקסן אף 38—42 פּראָצענט, ווען עס האָט אָנגעקלונגען שוריק עלקין.

— עדוואַרד! — האָט געשריגן אין טרײַבל דער פּיארנער באקאנטער. — דו האָסט ניט פֿארגעסן, אז מאָרגן וועט עפּשער מעקויִעם ווערן דײַן טרוים צו זען מיך אף דער בינע?

— וואָס פֿאר א בינע? — האָט אופֿריכטיק ניט פֿארשטאַנען עדיק. ער האָט אינגאנצן פֿארגעסן וועגן דער פּורים־שפּיל, שוין אָפּגערעדט פֿון שוריקס ראָל אין אָט דער פֿאָרשטעלונג. איצט האָט ער זיך דערמאָנט אין דער קאָנספּיראטיווקײַט, וועלכע שוריק האָט זיי אנומלט באשריבן, און בעפּיירעש מיט א קליינעם כיישעק צוגעגעבן, — אוי! איך האָב זיך דערמאָנט...

— קום צוזאמען מיט מאריאנען! — האָט א געשריי געטאָן ערגעץ אין א טעלעפאָן־בודקע שוריק, דעמאָנסטרירנדיק ווידער זײַן אידיאָטישע טעווע איבערדרייען אלע נעמען לויט אן אויסלענדישן נוסעך.

— אומבאדינגט, — האָט פארורטיילט צוגעזאָגט עדיק.

איצט איז אפּאָנעם געקומען די צײַט, קעדיי זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן עדיקס אויסזען. אויב זיך ניט ארײַנלאָזן אין פּראָטים און זיך באנוגענען בלויז מיט דעם זאלגעמיינעם אבריס, קאָן מען זייער קורץ און פּאַשעט זאָגן, אז עדיק איז אויסערלעך געווען ענלעך אף א לאָשעק. אלנפאלס, צו אזא מעטאפּאָרישן געדאנק זײַנען אומאָפּהענגיק און אין פארשיידענע יאָרן געקומען עטלעכע מענטשן, צווישן וועלכע מע קאָן דערמאָנען זײַן לערערן פון זאָאלאָגיע, דעם עלטערן אינספּעקטאָר אינעם קאדרען־אָפּטייל פון זייער קאָנסטרוקטאָרן־ביוראָ און מארינעס מוטער. אזא אנימאליסטישע אנאלאָגיע איז בעלי־סאָפעק פארבונדן ניט בלויז מיט דעם, אז די נאָז בא עדיקן האָט בעעמעס געקאָנט זײַן א סאך קלענער, די אויגן — ניט אזוי ברייט צעשטעלט, און דאָס פּאָנעם ביכלאל — ווייניקער אויסגעצויגן. דעם טאמציס פון אזא פארגלײַך דארף מען פארבינדן דעריקער מיט דעם, אז אין עדיקס פיגור האָט זיך בוילעט געפילט אזא האכנאָעדיקײַט, וועלכע מע קאָן אויך זען אין א פערד צי אין אן אייזל, ביפראט נאָך, ווען מע לאָזט זיי איבער שטיין אונטער א סארפעדיקער זון; דער באלכײַ ווערט דאן פארגליווערט מיט א פארומערטן קאָפּ, דערווארטנדיק, אז דער באלעבאָס וועט אָט־אָט א צי טאָן די לייצעס, און די האָרעפּאשנע באשעפעניש וועט ווידער מוזן ערגעץ לויפן — די לייצעס און די בײַטש וועלן אונטערזאָגן, וווּהין און מיט וואָס פאר אן אליור...

די דאָזיקע האכנאָעדיקײַט האָט טאקע געבראכט עדיקן צו דער מאָסקווער קאָרשול, קעדיי דאָרטן באקומען דעם אדרעס פון א דירע ערגעץ אפן ווערנאדסקי־פּראָספּעקט, ווו ער און מארינע וועלן זיך שטופן אף די טרעפּ און ווארטן אף דער זכיע צו זען שוריקן אין מאָרדעכײַס ראָל.

ער איז געשטאַנען דער צווײ-און-דרײַסיקסטער און ניט געקאָנט פֿאָטער ווערן פֿון דער מוירע, וועלכע האָט אים ארומגעכאַפּט גלײַך נאָך שוריקס קלונג. ער האָט זיך געסטאַרטעט צו פֿאַרהוילן זײַנע יעסורים: ס'איז געווען א ביזאָיען אנערקענען, אז ער ציטערט פֿאַר שרעק. מאלע ווי עס קאָן זיך פֿאַרענדיקן די דאָזיקע פּורים-שפּילן! און כײַ וואָלט דאָס כאָטש געווען עפּעס רעכטס. נײַן, דאַרף ער איבער א נארישקײַט, א שיבעש — אויך מיר, צו לעקן פֿינגער פֿון א פֿרישגעבאַקענער זעלבסטעטיקײַט — ריזיקירן מ'ט דער פּערספּעקטיוו צו ווערן א פּאַרטיי-מיטגליד, וואָס באַטײַט פּראַקטיש צו באַקומען סמיכעס פֿאַר א נאַרמאַלער וויסנשאַפֿטלעכער קאַריערע. ניט אומזיסט דאָך האָט אים דער פֿעטער זינאָווי געזאָגט, אז בא איצטיקע צײַטן קאָן דער פּאַרטיי-בילעט אָפּטמאָל קאָמפּענסירן דעם „פֿינפֿטן פּונקט". אָבער ניט גיין האָט ער אויך ניט געקאָנט, ווײַל אין מארינעס מישפּאָכע האָט ווער ווייסט פֿונוואַנען (עפּשער פֿון איר זיידן, א רעפּרעסירטן נאָך אין די צוואַנציקער יאָרן אָנגעזעענעם אנארכיסט) געבלאָנדזשעט א ווירוס פֿון אַלטע, מעשוגעדיקע באַגריפֿן, וועלכע זײַנען שוין פֿון לאַנג, דאַכט זיך, מומיפֿיצירט געוואָרן אין די ראָמאַנען פֿונעם פֿאָריקן יאָרהונדערט.

עדיקס מוירע איז געוואָרן נאָך שטאַרקער, ווען ער האָט דערזען, אז באַם אָנגעוויזענעם הויז דעפֿילירן צוויי מיליציאָנערן. עס קאָן זיך דאָך אויך מאַכן, אז די דירע איז אנטדעקט געוואָרן מיט א פֿאַרשפּעטיקונג, און באַלד וועלן קומען פֿאַרשטאַרק-קויכעס, קעדיי אַרײַנוואַרפֿן זיי אַלעמען אין געדעקטע לאַסטמאַשינען. ער האָט, עמעס, לויט שוריקס אייצע, אַרײַנגעלייגט זיך אין בוזעם-קעשענע זײַן און מארינעס פּאַסן — די, ווער עס האָט א דאָקומענט, וועט מען נאָר איבערשרײַבן און גלײַך אָפּלאָזן (אַזאַ סצענאַרי האָט, לעכאָלהאַפּאָכעס, צוגעזאָגט דער דערפֿאַרענער שוריק). אָבער פֿאַר אים איז איבערגענוג, מע זאָל זיי בלויז איבערשרײַבן! ס'איז דאָך ניט די אינסטיטוציע, וווּ מע שרײַבט פּאָשעט צוליב פֿאַרגעניגן פֿון שרײַבן. אוואַדע וועט דערנאָך קומען א מעסירע צו אים אַף

דער ארבעט, און ער וועט מוזן גיין צום צימבל און דרייען זיך אפֿן קאָרעק, דערציילן מײַסעס וועגן זײַן פּיאָרנער באַקאַנטן שוריק עליקין, וועלכער האָט זיי, אַזוי צו זאָגן, געגעבן בילעטן אַף זײַן ערשטן ספּעקטאַקל...

עדיק האָט מיטאַמאָל אַ טראַכט געטאָן, אַז דאָס לעבן איז ביכלאַל אַ שפּיל, און די דאָזיקע ביז גאָר באַנאַלע סענטענץ האָט אים דערשטוינט. די סיבע פֿון זײַן איבעראַשונג איז, עמעס, געווען ניט אַזוי דער קעמוי פֿילאָסאָפֿישער געדאַנק זײַנער, ווי דער עצעם פֿאַקט פֿון פֿילאָסאָפֿישן יִשעוו-האַדאַס. עדיק איז דאָך, אין טאָך גענומען, געווען ווײַט פֿון אַ וועלכער-ניט-איז אַבסטראַקטער וועלטבאַנעמונג, זײַענדיק אַן אויסגעשפּראָכענער טעכנאָקראַט, וואָס לייענט טאָגטעגלעך ראַק ספּעציעלע האַנטביכער אָדער מאָנאָגראַפֿיעס, און בלויז בעשאַס אורלויבן נעמט ער מיט זיך אַפֿן פּליאַזש וואַלענטין פּיקולס אַ ראָמאַן. און דאָ נאַ דיר — גאָר פֿילאָסאָפֿיע.

דאַן, פֿרילינג-צײַט פֿונעם אַכציקסטן יאָר, שטייענדיק בײַ דער טיר מיט אַ דיסידענטישער אופֿשריפֿט, האָט עדיק ווײַסמאַן טאַקע ניט געקאָנט זיך פֿאָרשטעלן, וואָס פֿאַר אַ קאָרט וועט אים אויספֿאַלן. ער — אַ געוויינלעכער סאָוועטישער אינזשעניער פֿון זײַן גענעראַציע — האָט געקאָנט דערווײַל ערנסט טרוימען נאָר וועגן אַ פּאַרטיי-בילעט. פֿאַר אים איז דאָס אין יענע יאָרן געווען ניט בלויז אַ העכערער שטאַפּל אַפֿן וועג צו אַ לײַטישן סאָציאַלן סטאַטוס, אָבער אויך אַ סימבאָל פֿון זײַן שײַכעסדיקײַט צו דער גוואַרדיע, וועלכער מע פֿאַרטרויט אַ סאַך מער, איידער אַנדערע, סטאַם בירגער.

קיין נאָווי איז עדיק געוויס ניט געווען, אָבער זײַן כאָלעם איז מעקוייעם געוואָרן: די פּורים-שפּיל האָט זיך פֿאַרענדיקט גאַנץ בעשאָלעם, אויב ניט רעכענען, אַז זיי בײדע, ער און מאַרינע, פֿאַרשוויצטע נאָך דער פֿאַרעניגע אין אַ פֿולגעפּאַקטן צימער, האָבן אונטער אַ קילבלעכן מאַרט-ווינט אונטערגעכאַפּט אַ קאַטער, אָדער, לויט דער אָפֿיציעלער טערמינאָלאָגיע, — אַ שאַרפֿע רעספּיראַטאָרנע קרענק; אַז ערעך אין אַ כוידעש אַרום, דאָס הייסט שוין אַף פּייסעך, איז עדיק געוואָרן אַ קאַנדידאַט

אין די פּאַרטיי־מיטגלידער, און נאָך אין א יאָר ארום — א פּול־
ווערטיקער פּאַרטיי־מיטגליד; אין דרײַ־און־אכציקסטן האָט
ווײַסמאַן פּאַרטיידיקט א קאנדידאטן־דיסערטאציע און ערגעץ
אין דער זעלבער צײַט האָט מען אים פּאָרטרעט א וויכטיקן
אָפּטייל אין זייער קאָנסטרוקטאָרן־ביוראָ.

כאָטש דאָס וואָרט „פּראָגנאָז" האָט פיגורירט סײַ אין דעם
פאָרדרייטן נאָמען פון זײַן דיסערטאציע, סײַ אין זײַנע צוויי
ארטיקלען אינעם זשורנאל „פּריקלאַדנאיא מאטעמאטיקא",
האָט עס אינדערעמעסן קיין שום שײַכעס ניט געהאַט צו א
וואַסערער־ניט־איז טאָגטעגלעכער נעוויִשקײַט („פונעם ערשטן
יון אָן וועלן אויסוואקסן די פּרײַזן אף גאָלד און מאשקע",
„ברעזשנעוו וועט נאָך דעם קומענדיקן צוזאמענפאָר אוועקגיין
אף פּענסיע", „יידן וועט מען איצט שיקן ארבעטן דעריקער
אין פאַרמאכטע אנשטאלטן, קעדיי זיי דערנאָך ניט ארויסלאָזן
קיין ישׂראל"...). דעריבער טאַקע האָט עדיק ניט געקאָנט
דעמלט וויסן פּאַרויס אזעלכע, לעמאָשל, געשעענישן: אז אין
זיבן־און־אכציקסטן וועט ער באקומען א נײַעם ווײַסן „מאָסק־
וויטש", איינעם פון די דרײַ, וועלכע מע האָט אויסגעטיילט
פאַר דער גאנצער קאָנסטרוקטאָרן־ביוראָ; אז אין אכט־און־אכ־
ציקסטן וועט אין פאַרלאַג „וויסשאיא שקאָלא" ארויסגיין זײַן
האנטבוך, אפן האָנאָראַר וועט ער קויפן צוויי פּוטיאָווקעס, פאַר
זיך און מארינען, און זיי וועלן אין מעשעך פון אכצן טעג
אומפאָרן איבערן באלטישן יאם; אז אין נײַן־און־אכציקסטן
וועט ער אָנגעבן דאָקומענטן אף ארויסצופאָרן קיין ישׂראל,
דורך א צופאל קריגן אינעם אוניווערמאג „מאָסקווא" דרײַ
וואליזעס אף רעדעלעך, און דערנאָך וואַרטן אין איטאליע זעקס
כאָדאָשים, מע זאָל אים מיט דער מישפּאָכע דערלויבן ארײַנ־
פאָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, מאַכמעס ער איז א געווע־
זענער קאָמוניסט און זײַן ווײַב איז א יידישע בלויז פונעם
פאָטערס צאַד; אז דעם צוואנציקסטן מײַ פונעם נײַנציקסטן
יאָר וועלן זיי אין אעראָפּאָרט קענעדי באגעגענען דער פעטער
זינאָווי און ארקאדי בערזשיגאל, דער מיזיניק פונעם טויבן

1*

מאָטל בערזשיגאל, וועלכן די באָבע לייע האָט שטענדיק געהאלטן פאר דעם פערדס בײַטשס שטעקעלע.

ער האָט אוואדע ניט געקאָנט זיך פאָרשטעלן, אז די ערשטע, וועמען ער וועט באגעגענען אפן בריַטאָן ביטש, וועט זײַן שוריק עלקינס טומלענדיק געזינד, און אז שוריק וועט אים, מארינען און אפילע זייערע זין צעקושן, ווי די סאמע נאָענטסטע קרויווים, און אָן שום האנאָכעס פאָרלייגן:

— מיר גייען אלע טייקעף אין רעסטאָראן! אָ־קיי? אנו, לויט די אָרדענונג־נומערן — אופציילן! איינס, צוויי, דרײַ...

און עדיק ווײַסמאנען וועט אין יענער מינוט צום צווייטן מאָל פאר זײַנע קארגע פערציק יאָר קומען דער קימאט פילאָסאָפישער געדאנק מיקויעד דעם לעבן, וואָס איז א שפיל.

א ייִדישער כאַלעם

אין כאַלעם כ'האָב געזען
די ייִדישע פּאָגראָמען,
איך וויל א געשריי טאָן —
קיין שטים האָב איך ניט,
עס וואלגערן זיך ייִדן
טויזנטער געקוילעטע,
און איבער שווארצער ערד
צעגיסט זיך רויט בלוט.

אין כאַלעם כ'האָב געזען —
עס וואקסט א גרויסער וואלד,
דאָרט בליִען בלומען,
די נאטור איז צופרידן,
איך וויל זיך פרייען,
נאָר דערהערט כ'האָב באלד
ווי אונטער דער ערד
שטיל קרעכצן טויטע ייִדן.

סטראָפעס

* * *

איך שרייַב ניט קיין לידער —
עס שרייַבט זיך אליין
דאָס, וואָס איך פיל,
און דאָס,
וואָס איך מיין.

* * *

איינער דאַוונט,
א צווייטער גאַנוועט.
יעדערער איז זיכער:
דאָס איז מײַן גורל
צוליב דעם
כ׳בין געבוירן.

נאָר איינער טוט עס,
ווײַל ער גלייבט,
און דער צווייטער —
פון נויט:
יעדערער וויל
א ביסל פרייד,
יעדערער דאַרף
א שטיקל ברויט.

* * *

וווּהין לויפסטו, צײַט? -
כ׳קאָן דיך ניט דעריאָגן,
איך בין נאָך
אין הײַנט,
דו ביסט שוין
אין מאָרגן.

מײַן טרוים דעם גערעכטן
זאָל גאָט מיר באַזאָרגן:
ניט בלײַבן
אין נעכטן,
ווען צײַט איז
אין מאָרגן.

דאָס שטילע וואָרט

עס גייט דער שניי פון פרי ביז שפּעט.
אַלץ ריינער, ווייַסער ווערן וועט
דער הוילער וואַלד, דאָס פּוסטע פעלד,
די גרויע, סוּמנע, פּוסטע וועלט.

עס גייט דער שניי. עס קומט דער פראָסט.
ס׳איז גאָרנישט ווערט אַלץ, וואָס דו האָסט:
דייַן זילבער, גאָלד, דייַן פּעקל געלט —
ניט דאָס וועט ראַטעווען דייַן וועלט.

צווייַ זאַכן זייַנען נייטיק, צוויי —
„דאָס האַרץ", „דער מויעד" — רופט מען זיי.
אַן זיי דער מענטש איז פּראָסט און אָפּ.
פון האַרצן גיין עס זאָל דער רוף.

און זאָל עס קלינגען שטילערהייט,
ווייַל קלאָר איז און צו אונדז דערגייט
דאָס שטילע וואָרט, ניט דאָס געשריי.
עס פאַלט דער שניי, עס פאַלט דער שניי...

מיכאל קרוטיקאָוו

„ווידערוווּקס"

דאָס וואָרט „ווידערוווּקס" באַטײַט — „געוויקסלעך, וואָס באַווײַזן זיך נאָך א וואַלד־ אָדער סטעפּ־סרייפע, אָדער אין אַן אויסגעהאַקטן וואַלד, ווי וואַקסן ווידער". די דערקלערונג איז גענומען פון דער האַקדאָמע צו דעם נײַעם זאַמלבוך פון די יונגע ייִדישע שרײַבער, וועלכער איז אַרויס אין ניו־יאָרק אין 1989. דער בוך הייסט „ווידערוווּקס", און דער רעדאַקטאָר, ד״ר מאָרדכי שעכטער, דערמאָנט זיך אין זײַן האַקדאָמע, אַז צום ערשטן מאָל איז א בוך מיט אַזאַ נאָמען דערשינען אין קיִעוו אין יאָר 1922.

דער נאָמען און דאָס אונטערקעפּל „א נײַער דאָר ייִדישע שרײַבער" ווײַזן, אַז די מחברים פֿונעם בוך זײַנען אויסגעוואַקסן נאָכן חורבן. דאָס שטרײַכט אונטער אויך די הילע, אַף וועלכער ס׳איז אָנגעמאָלט א גרויסער קאָרטש, וואָס פון אים וואַקסט ווידער א נײַ דין ביימעלע. דאָס ביימעלע איז באַשאָטן מיט פּרוכטן — באַרנעס מיט ייִדישע אותיות (קאָן זײַן, דאָס איז א רמז אַף דעם אופטו פון נאָסן בירנבאַום, איינעם פון די אַקטיווע ייִדישיסטן, דעם אָרגאַניזאַטאָר פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ).

דאָסראָוו מחברים לעבן אין ניו־יאָרק, דעם גרעסטן און וויכטיקסטן ייִדישן ישוב אין אַמעריקע. כוץ דעם, זײַנען פֿאָרגעשטעלט יונגע שרײַבער פון אַנדערע צאָפן־אַמעריקאַנישע שטעט — טשיקאַגאָ, לאָס־אַנדזשעלעס, מאָנטרעאַל, ווי אויך פון פּאַריזש און ירושלים.

דער ייִנגסטער פון די צוואַנציק אויטאָרן, לייב באָטוויניק, איז געבוירן געוואָרן אין 1959, דער עלטסטער, צווי קאַנאַר, — אין 1931. איין אויטאָר איז שוין באַקאַנט די לייענער

פון „סאָוועטיש היימלאַנד" — מיכאל פעלזענבאום פון בעלץ).
וועגן סאָוועטישע שרײַבער זאָגט מ. שעכטער ספּעציעל אין
זײַן הקדמה: „און כאָטש ס'איז געווען צו שפּעט זיי אײַנצו-
גלידערן אינעם הײַנטיקן — לאָמיר האָפן ערשטן — באַנד
„ווידערוווּקס", איז אַצינד פֿאַראַן אויך אַ מאַמאָשעסדיקער
גרופּע-טייל זייער גוטע יונגע ייִדישע שרײַבער אין ראַטנפֿאַר-
באַנד, וואָס זייערע שאַפונגען האָבן זיך געדרוקט דעריקער
אינעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", אין די פיר בענדער
נום. 7 פון 1985, 1986, 1987, 1988..."

אינעם זאַמלבוך זײַנען פֿאָרגעשטעלט ווערק אין פֿאַרשיי-
דענע זשאַנרען — דערציילונגען, מײַסעס, לידער, עסייען,
פֿאַרצייכענונגען, ליטעראַטור-פֿאָרשונג. איך וויל אָנהייבן מײַן
איבערזיכט דאָפּקע פֿונעם לעצטן זשאַנער, וועלכער איז מיר
נעענטער. אין „ווידערוווּקס" זײַנען אַרײַן צוויי גרויסע אַרטי-
קלען וועגן דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. אַור-
ראָם נאָווערשטערן, לעקטאָר אינעם ייִדיש-אָפּטייל פֿון דעם
העברעיִשן אוניווערסיטעט אין ירושלים, אַנאַליזירט די
שאַפונג פֿון אַרן גלאַנץ-לעיעלעס, איינעם פֿון די פֿירנדיקע
פֿיגורן אינעם אַמעריקאַנישן ייִדישן מאָדערניזם. נאָווערשטערן
באַטראַכט די צענטראַלע פּראָבלעם פֿון דער מאָדערניסטישער
פּאָעזיע, די קעגנזײַטיקע באַציִונג צווישן טראַדיציאָנעלע און
מאָדערנע עלעמענטן אין דער פּאָעזיע, ביפֿראַט די פּראָבלעמען
פֿון דער פּאָעטישער פֿאָרם. די שאַפונג פֿון לעיעלעסן איז באַ-
זונדערס אינטערעסאַנט פֿון אַזאַ שטאַנדפּונקט, ווײַל דער דיכ-
טער האָט זייער ברייט גענוצט סײַ די טראַדיציאָנעלע, שטרענ-
גע פֿאָרם, סײַ די מאָדערנע, פֿרײַע. אַ. נאָווערשטערן ווײַזט, ווי-
אַזוי לעיעלעסן האָט זיך אײַנגעגעבן צו לייזן זײַנע שעפֿערישע
אויפֿגאַבעס מיט דער הילף פֿון אויסקלײַבן די פּאַסיקע פֿאָרם.

די צווייטע פֿאָרשונגס-אַרבעט געהערט דאָוויד-הירש ראָס-
קעסן, וועלכער איז פּראָפֿעסאָר פֿון ייִדישער ליטעראַטור אין
ייִדישן טעאָלאָגישן סעמינאַר אין ניו-יאָרק. ער אַנאַליזירט אָפּן
סמאָך פֿון י.-ל. פּרעצעס זיכרוינעס די האַשפּאָע, וועלכע
ס'האָבן געהאַט די קינדערשע אײַנדרוקן און איבערלעבונגען
אויף דער שאַפונג פֿונעם ייִדישן קלאַסיקער. ער ווײַזט, אַז די
קינדער-יאָרן קאָנען אָפּט דינען ווי אַ שליסל צו פּרעצעס
מײַסטערישע ווערק.

בײדע פאָרשערישע ארבעטן זײַנען אײדעס פון א הויכן פּראָפעסיִאָנעלן ניוואָ פון דער ייִדישער ליטעראַטור־וויסנשאַפט אין פשא און ייִסראָעל. פון די ביִאָגראַפישע אָנגאַבן, וועלכע זײַנען צוגעלייגט צום בוך, קאָן מען זען, אַז קימאַט יעדער איינער פון די צוואַנציק מעכאַברים האָט זיך געלערנט די ייִדישע שפּראַך און ליטעראַטור אין איינעם אָדער אפילע אין עטלעכע אוניווערסיטעטן. ספּעציִעלע ייִדישע לערן־פּראָגראַמען עקזיסטירן אין די וויכטיקסט׳ע הויכשולן — אין קאָלומביִער אוניווערסיטעט (ניו־יאָרק), אין אָקספאָרד (ענגלאַנד), אין יערושאָלאַיִם. אין דעם פּראַט בלײַבן מיר הינטערשטעליק, וואָרעם זינט דעם סאָף פון די דרײַסיקער יאָרן איז אין ראַטנפאַרבאַנד ניטאָ קיין וויסנשאַפטלעכער אַנשטאַלט, וווּ מע פאַרנעמט זיך פּראָפעסיִאָנעל מיט פאָרשן ייִדישע שפּראַך און ליטעראַטור. די רעזולטאַטן לאָזן זיך פילן אין דער שוואַכער פּראָפעסיִאָנעלער צוגרייטונג פון די יונגע ייִדישע שרײַבער.

אָבער די פאָרשונג און קריטיק איז בלויז איין אַספּעקט פון דער ליטעראַטור, און דערבײַ ניט דער סאַמע וויכטיקסטער. דעריקער איז טאַקע די קינסטלערישע פּראָזע און די דיכטונג, ווײַל נאָר דאָ איז צו זען די עמעסע ווערט פון א ליטעראַטור.

א גאַנץ היפּשע צאָל ווערק אין „ווידערוווּקס" זײַנען געווידמעט דער מיזרעך־אייראָפּעיִשער טעמע. דאָסראָוו זײַנען דאָס רײַזע־נאָטיצן, מער אָדער ווייניקער בעלעטריזירטע. און דאָס איז נאַטירלעך: די ייִדישע קולטור אין אַמעריקע שטאַמט דאָך פונדאַנען, פון רוסלאַנד, אוקראַיִנע, פוילן, ליטע... דאָ איז דאָס „גײַסטיקע היימלאַנד" פון דער מאָדערנער ייִדישער קול־

טור. דערפֿאַר איז דער ווּנטש א קוק צו טאָן אַף דעם דאָזיקן לאַנד גאַנץ פֿאַרשטענדלעך. די אַלטע היים איז פֿאַרבונדן מיט זיכרױנעס און איבערלעבונגען פֿון טאַטע־מאַמע און באָבע־זײדע בא די יונגע אַמעריקאַנער שרײַבער. און דער יונגערמאַן אָדער די יונגע פֿרױ לאָזט זיך אַוועק אין ווײַטן וועג, אין לאַנד, וואָס זעט אױס אַזױ אױסטערליש און פֿרעמד. שױן די ערשטע אײַנדרוקן ווערן באַוויזן אין אַן אומגלײבלעכער שײַן, ווי עפּעס א „שרעקלעכע עקזאָטיק", זײ „באַשטעטיקן" דעם כּשאַד, וואָס מע האָט געהאַט פֿריִער. דער גאַסט פֿילט זיך שטענדיק אונטער אַן אומזיכטבאַרער האַשגאָכע. אױב א יונגערמאַן וויל זיך באַגעגענען מיט א קאָרעוו, וועלכן ער האָט קײנמאָל ניט געזען, קומט אָנשטאָט דעם שוועסטערקינד אַן אַגענט פֿון דער זיכערהײַט־דינסט. דער אַמעריקאַנישער טוריסט דערוויסט זיך וועגן דעם שווינדל צופֿעליק, ווען ער זעט, ווי „דער קלױמערשט אַלטער, שוואַכער קאָרעוו צוזאַמען מיט נאָך אײנעם א פֿאַרשױן, הױך ווי א דעמב, שלעפּט אַן אַנדער באָכער, און זײ שטופּן אים צו דער וואַנט בעשאַס זײ קײטלען אים אײַן די הענט. זײ האָבן אים אַרײַנגערוקט אין א גרױסן שוואַרצן אױטאָ, און אײדער דער קאָרעוו האָט זיך אַרײַנגעזעצט, האָט ער דערזען די צוױי אַמעריקאַנער יונגעלײַט. מיט אַן איראָניש, ברײטן שמײכל האָט ער זײ אָנגעקוקט ווי צו זאָגן: „איר זעט, ס'איז דאָ וואָס זיך צו שרעקן..." (איציק גאָטעסמאַן, „א פֿרעמדער קאָרעוו"). עס איז ניט קלאָר, אין וועלכן לאַנד קומען פֿאָר אַזעלכע סאַקראַמענטאַלע געשעענישן, מע דאַרף אָבער טראַכטן, אַז ערגעץ אין מיזרעך־אײראָפּע...

דעם סאַמע אױספֿירלעכן באַריכט וועגן זײַן יאַזדע קײן מאָסקווע גיט דאָוויד־עליאָהו פֿישמאַן פֿון ניו־יאָרק. ער איז געווען בא אונדז אין 1981, און מע קאָן דערקענען א סאַך פּראָטים פֿון אונדזער אַמאָליק לעבן. „פֿאַראַן צוױי מאָסקוועס, — שרײַבט פֿישמאַן, — אַן ערדישע און אַן אונטערערדישע... פֿאַרן ייִדישן טוריסט, וואָס לאָזט ניט איבער זײַן ייִדישע האַרץ אינדערהײם, נאָר טראָגט עס מיט זיך ווי דעם טײַערסטן טײל פֿון זײַן באַגאַזש, דאַרף דער באַשלוס ניט זײַן קײן שווערער. פֿאַרט א ייִד קײן מאָסקווע, פֿאָרט ער אין דער אונטערערדישער מאָסקווע, ווײַל דאָרטן — טיף אונטער דער אױבערפֿלאַך — איז דער זאַמלפּונקט פֿון אַלע צאַפּלדיקע קױכעס

אין סאָוועטיש־ייִדישן לעבן. יענע ייִדישע אינסטאַנצן, וועלכע ווערן אַרויסגעשטעלט דורכן רעזשים אַף דער אויבערפלאַך — די שול און דער כוידעש־זשורנאַל (געמיינט „סאָוועטיש היימלאַנד". — מ. ק.) — זיינען מידע אָפּגעלעבטע שיידים אין פאַרגלייַך מיט זייערע שפּראָצלדיקע אונטערערדישע עקוויוואַלענטן..." אַזוי האָט אויסגעזען דעמלט מאָסקווע אין די אויגן פון אַ יונגן אַמעריקאַנער. דאָוויד פּישמאַן איז געווען אין דער קליינער כסידישער שול אין מאַריינאַ ראָשטשאַ און לעבן דער גרויסער שול, אַף אַרכיפּאָוו־גאַס, ווו ס'פלעגן זיך פאַרזאַמלען אַקטיוויסטן פון דער ציִעניסטישער באַוועגונג אין מאָסקווע, און ער האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור אַף דעם שטוב־סעמינאַר פון די העברעיִש־לערער. לייענענדיק פּישמאַנס פאַרצייכענונג, זעט מען, וויפל האָט עס זיך געביטן פאַר דער צייַט. די געוועזענע אַקטיוויסטן זיינען זיך צעפאָרן, ניטאָ קיין סעמינאַרן, ווו מע קאָן האַלטן אַזאַ מין רעפעראַט. איצט לערנט מען איוורית אַף די קורסן בא פאַרשיידענע געזעלשאַפטן און קאָאָפעראַטיוון. „די מידע אָפּגעלעבטע שיידים" — דער זשורנאַל און די שול — בלייַבן דאָך, און שפּילן דאַפקע אַן אַקטיווע ראָל אינעם הייַנטצייַטיקן ייִדישן לעבן: מע האָט געעפנט אַ טאָג־שול פאַר די קינדער בא דער מאָסקווער קאָרשול, ס'אַרבעטן איוורית־קורסן פאַר דערוואַקסענע מיט לערער פון ייִסראָעל. צום באַדויערן, איז דאָס ניט גענוג, און די שוואַכקייַט פון אונדזער העברעיִשער קולטור איז בוילעט. וואָס שייַך „סאָוועטיש היימלאַנד", קאָנען וועגן דעם בעסער אורטיילן די לייענער.

איינע פון די הויפּט־צאָרעס פון אונדזער ייִדישן קולטור־לעבן איז די צעשפּליטערטקייַט, גלייַך ווי מע זעצט פאָר צו פירן אַלטע כעזשבוינעס צווישן העבראַיִסטן און ייִדישיסטן, ציִעניסטן און אווטאָנאָמיסטן. אַן אינטערעסאַנטער פאַקט: ווען דאָוויד פּישמאַן האָט דערציילט דעם „העברעיִסטישן" אוילעם וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז בלויז איין מענטש האָט אַמאָל געהערט דעם נאָמען דאָוויד בערגעלסאָן. מיילע בערגעלסאָן — ער איז, אַזוי צו זאָגן, „אידעאָלאָגיש פרעמד" דעם ציִעניזם, אָבער אפילע וועגן דעם דיכטער יויסעף קערלערן — אַ „ציִעניסט שעבעציִעניסט" — האָט אויך געוווּסט בלויז איינע אַ פרוי. ווי עס זאָגט דער טאַ-

נאָך, „די פּאַטערס האָבן געגעסן זייערע ווייַנטרויבן, און די ציין בא די זין זייַנען אייַליק".

שעווע צוקער האָט געהאַט גאָר אַן אַנדערע דערפאַרונג אין ראַטנפאַרבאַנד. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איר קאַוואַליער — אַ מוזיקאַנט — האָט בּיכלאַל קיין שום טייַנעס ניט צו דער סאָוועטנמאַכט און איז גאַנץ צופרידן מיט זייַן לעבן אין באָברויסק. קאָן זייַן, אַז הייַנט וואָלט אויך דאָס אויסגעזען אַ ביסל אומגלייבּלעך.

אַ רייַזע קיין רוסלאַנד איז פאַר אַ יונגן ייִדישן שרייַבער מער ווי אַ געוויינלעכע טוריסטישע רייַזע. דאָס איז אַ גרויסע איבערלעבונג. לייענענדיק באַשרייַבונגען, קאָן איך זיך ניט אייַנהאַלטן פונעם פאַרגלייַך מיט די „גדולים" פון אונדזער ליטעראַטור — מענדעלע, שאָלעם-אַליכעם, פּערעץ. איך פאַרשטיי, אַז דאָס איז ניט אינגאַנצן קאָרעקט — מע קען ניט אויסמעסטן אונדזערע מיטצייַטלער מיט אַזאַ מין „מידאַס האַצאַדיק". און דאָך...

דאַפקע די דאָזיקע דרייַ שרייַבער האָבן געשאַפן דאָס קלאַסישע געשטאַלט פון אַ ייִד-האָרעפּאַשניק אין אַמאָליקן טכום-האַמושעוו. דערבייַ האָבן זיי אַליין זיך פאַרוואַנדלט אין זייערע העלדן — ווי, לעמאָשל, מענדעלע, וועלכער איז דורכגעגאַנגען די גאַנצע אוקראַינע ווי אַ בעטלער, אַ שנאָרער. זיי האָבן ניט געהאַט קיין מוירע פאַר אַרייַנטאָן זיך אין דער סאַמע טיפעניש פונעם פאָלקס-לעבן. אַזאַ מין אַהאַוואַס-ייִסראָעל איז אומבאַדינגט נויטווענדיק פאַר יעדן ייִדישן שרייַבער. מיר דאַכט זיך, אַז דאַפקע דאָס פעלט צומאָל אין די ווערק פון די שרייַבער פון „ווידערוווּקס". גלייַך ווי זיי האָבן מוירע צעשיידן זיך אַף אַ מינוטקעלע מיט זייער איצטיקן אַמעריקאַנער לעבן און פאַרוואַנדלען זיך בלויז מיטן קויעך-האַדימיען, ניט, כאָלילע, אַף דער וואָר) אין אַ סאָוועטישן ייִד, און פאָרשטעלן זיך, ווי אַזוי מיר לעבן ז״אָ.

צוויי ווערק דערציילן וועגן די טראַגישע געשעענישן אין דער ייִדישער געשיכטע פון אונדזער יאָרהונדערט. דער פראַגמענט פונעם ראָמאַן פון צווי קאַנאַר „דער טויטמאַרש" (געשריבן אַפן סמאַך פון דער אייגענער דערפאַרונג) באַשרייַבט די שרעקלעכע טעג אינעם דייַטשישן קאָנצלאַגער בייס דער צווייטער וועלט-מילכאָמע. פייסעך-יוינע מאַלעוויטשעס דערציי-

לונג „כיין שוואט" שילדערט אן אנדער טראגעדיע — דאָס אומקומען פון א ייִדישן סאָלדאט בייס דער יאָמקיפּער־מיל־כאָמע, אין ייִסראָעל.

גאַנץ שיין געשריבן זײַנען די מײַסעלעך און לידער פון לייע ראָבינסאָן. זי האָט זיך אויסגעלערנט ייִדיש אין אוניווער־סיטעט, אָבער דאָס געפיל פון דער שפּראַך איז בא איר א טרעפלעכס. די היימישקייַט פון אירע מײַסעלעך האָט אין זיך עפּעס פון דער ענגלישער ליטעראטור — אזא ליבע צו די פּראָטים, צו הומאָר און געמיטלעכקייַט.

דער זאמלבוך אנטהאלט אויך א היפּשע צאָל לידער. די אמעריקאנישע ייִדישע פּאָעטישע טראדיציע איז, צום באַ־דויערן, שוואך באקאנט אונדזערע לייענער. די ייִדישע פּאָעזיע פון אמעריקע האָט זיך געשאפן אונטער א שטארקער האשפּאָע פון דער ענגליש־שפּראַכיקער, דאָ האָבן די ייִדישע פּאָעטן איבערגענומען דעם פּרייַען פערז און די פּרייַע, קימאט אומ־גאנגשפּראַכיקע אינטאָנאציע. די לידער אין „ווידערוווּקס" זײַנען ניט קיין אויסנאם. זיי דריקן אויס פּערזענלעכע שטימונגען, פּיקסירן איבערלעבונגען. מע קאָנצענטרירט זיך אף דעם אייגע־נעם „איך" (איינע פון די בארימטע פּאָעטישע שולן האָבן זיך אזוי גערופן — „אינזיכיסטן"). ליבע און זיקאָרן זײַנען די גרונט־טעמעס בא לייע ליפּסקי, דאניעל מארלין און עסטער מיר. דאניעל מארלין איז א טאלמיד פון דער באקאנטער ייִדי־שער פּאָעטעסע מאלקע כייפעץ־טוזמאן, און אירע שורעס זײַנען אין איינקלאנג מיט דער פּאָעזיע פון „ווידערוווּקס":

וואָס זשע זײַנען ווערטער
אין פארגלייַך
מיט ציין אין ערד?

יונגע פּאָעטן זוכן מאמאָשעסדיקייַט אין ארום און פּרוּוון די אייַנהאלטן מיט אזעלכע ווערטער:

כ'וועל ניט הערן, אז ליבע ברענט ווי א פּייַער.
זאָג מיר בעסער,
אז א בוים שטייט טאָמיד.
דאָס קען איך גלייבן.

(לייע ליפּסקי)

דאַניִעל מאַרלין פֿרעגט אין זײַן ליד:

ברודער שטויב,
וואָס זשע איז מײַן נאָמען?

דאָס איז א פֿאַרזעצונג פֿון דער זוכעניש פֿון דעם „איך״, פֿון זײַן נאָמען, וואָס איז אָנגעשריבן מיט ווערטער אפֿן זאמד. און אנדער אָרט אין פּאָעזיע שטעלן מיט זיך פֿאָר די לידער פֿון יִצחאָק ניבאַרסקי. ער שרײַבט אין דער אייראָפּעִישער טראַדיציע, מיט מאָס און גראַם. און דאָס איז פּרינציפּיִעל פֿאַר זײַן וועלט־באַנעם, וועלכער איז מער באַשטימט און געשלאָסן:

פֿאַרבענקט איז מײַן נעשאָמע נאָך א גראַם.
צעפּרעסן שוין פֿון זאַמד־לאָשן די ציינער,
וואָגלט מײַן ליפּ איצט איבער שאַרסטקע שטיינער,
אין דאָרשט נאָך וועל פֿון זיסן לידער־יאַם.

יִצחאָק ניבאַרסקי זוכט פֿעסטקײַט, באַשטימטקײַט, און ניט נאָר אין זײַנע פּאָעטישע שורעס — אויך אין דעם עסיי, וואָס הייסט „אהאוואַס־מאָרדכע״. ער באַטראַכט דאָ די טעטיקײַט פֿון מאָרדכע שעכטער אין געביט פֿון נאָרמאַטיוויזירונג פֿונעם יִדישן לאָשן. ניבאַרסקי האַלט, אז דאַפֿקע איצט איז זייער נייטיק אײַנצופֿירן אין יִדיש קלאָרע און פֿעסטע קלאָלים.

דער בוך „ווידערוווּקס״ איז אין א געוויסער מאָס אן אַנטדעקונג. איך האָב ניט געקאָנט זיך פֿאָרשטעלן, אז צווישן דער יִדישער ליטעראַרישער יוגנט פֿאַראַן פֿאַרשיידענע שעפֿערישע קויכעס, וועלכע קאָנען זיך פֿרײַ אויסדריקן אף אונדזער אַלטן מאַמע־לאָשן, און די דאָזיקע קויכעס בילדן אן אַנסאַמבל, און דאָס איז זייער וויכטיק פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון דער ליטעראַטור. איך וויל האָפֿן, אז מיר, די יונגע יִדישע ליטעראַטן אין דער „אַלטער היים״, וועלן זײַן א צאַד אין דעם דיִאַלאָג, און מיר וועלן דערהערן דאָס, וואָס עס זאָגן די אַנדערע יונגע, און זיי וועלן הערן, וואָס מיר זאָגן.

לײַע ראַבינסקאַ
(ניו־יאָרק)

די צוויי שליסלען

די רעדער פון באַן קלאַפּן אויס אַ ניגון: „אונטער דער זון, אונטער דער זון, אונטער דער זון". אין דער טראַסקענדיקער קופּע איז רויִק און הייס. צווישן די פּאַסאַזשירן זיצט אַ זקנה, אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן וואָלענעם מאַנטל, און לעבן איר — אַ יונגע פרוי, זייער שיין געקליידט, אין העלע פאַרבן, ווי אַ פּריצע אויף אַן אַקוואַרעל. אפשר־אָנעם, קען די זקנה ניט די יונגע פרוי. וואָס שײַעך דער באַן, פאַרט זי שוין לאַנגע שעה, אָבער פונוואַנען און וווּהין — אָט דאָס איז אונדז ניט וויכטיק. זי פאָרט, און שוין, בייסמײַסע האַלט די זקנה אין איין נישטערן אין מאַנטל־קעשענע. פּלוצעם טוט זי אַ נעם אַרויס אַ שליסל, אַ לאַנגן און דערצו אַ פאַרזשאַווערטן. אים באַטראַכטנדיק מיט אומצופרידנקייט, טוט זי אַ שפּײַ אויס אין אַ צעריסן נאָזטיכל אַרײַן און פּרובירט דערמיט אָפּרייַבן פון שליסל דעם אַלטן זשאַווער — דערווײַלע אומזיסט.

מאַכט צו איר די יונגע פרוי, וואָס זיצט דערנעבן:

„זײַט מיר מוחל, וואָס כ'שטער אײַך, אָבער איך זע, אַז איר האָט זייער אַ טשיקאַווען שליסל. ער קער זײַן פון קאַדמוינים, איאָ?" זי שמייכלט העפלעך און וואַרט אויף אַן ענטפער.

די זקנה שווײַגט אָבער. זי דרייט זיך אויס פּאַוואָליע מיטן קאָפּ צו דער יונגער צו, ווי איינער זאָגט: אַקעגן וואָס פרעגט איר עס?

„בײַ מיר איז אויכעט דאָ אַ שליסל", רעדט יענע ווײַטער, און נעמט פלינק פון בלוי־סאַמעטענעם בײַטל אַרויס אַן אויסגעניייטע דאַמענזאַק. אים צעוויקלענדיק, דעקט זי טאַקע אויף

א צווייטן שליסל, אָבער גאָר ניט קיין פאַרזשאווערטן: פאַר־קערט, ער איז שפּיגל ריין און בלישטשעט ווי א פלעמעלע, כאָטש וויש זיך אויס די אויגן! „ס׳איז גאָר אינטערעסאַנט״, — רופט אויס די יונגע פּאַסאַזשירקע, — „מיר דוכט, אַז אָט די ביידע שליסלען אונדזערע זײַנען פון איין מאָס. כ׳בעט אײַך, לאָמיר זיי אויסמעסטן איינס לעבן ס׳אַנדערע״.

טוט מען אַזוי, און סע דערהערט זיך א לײַכט קלונגעלע, ווי מע וואָלט געטשאַקעט מיט ווײַנגלעזלעך. זי איז גערעכט: די שליסלען האָבן אַקוראַט איין מאָס און איין פורעם, מיט א הערעלע ניט אַנדערש. מער ניט איינער איז, ווי געזאָגט, פאַרזשאווערט און דער צווייטער שײַנט ווי זילבער.

זאָגט די זקיינע גאָרניט, אָבער טרערן שטעלן זיך איר אין די אויגן, און דער גאַנצער גוף ציטערט איר ווי א בלאַט.

ווערט די יונגע אויך פאַרדײַגעט, פרעגט זי גוטהאַרציק: „וואָס אַרט עס אײַך, וואָס מיר פאַרמאָגן ענלעכע שליסלען? ס׳קען דאָך זײַן לויטער צופאַל. שטעלט זיך נאָר פאָר, וויפל שליסלען ס׳זײַנען סאַכאַקל פאַראַן אויף דער גאַנצער וועלט! ניטאָ קיין נעס, אויב צוויי האָבן איין פּאָנעם״.

נאָר די אַלטע לאָזט זיך ניט טרייסטן. מיטאַמאָל צערעדט זי זיך, ווי די ווערטער אירע וואָלטן שוין לאַנג געוועזן פאַר־שטיקט בײַ איר אין מויל, און אַצינד גיסן זיי זיך טײַכנווײַז, ווי לאַווע פון א ווולקאַן אַרויס:

„וואָס סע אַרט מיך, פרעגט איר גאָר? ס׳איז דען ניט קלאָר ווי דער טאָג, אַז אונדזערע ביידנס שליסלען זענען אָנגעמאָסטן אויפן זעלביקן שלאָס? און ווו, פרעג איך אײַך, געפינט זיך דער דאָזיקער שלאָס? צי ניט אין דער פאָדערשטער טיר פון הויז אין ברוקירטן געסל, ניט ווײַט פון וועשקראָם, אין א קוואַרטאַל און אין א שטאָט און לעבן א טײַך, וואָס אָט די אַלע נעמען זייערע דאַרף איך אײַך ניט לערנען, און אין א לאַנד, וואָס איז אונדז ביידע גוט באַקאַנט? יעדער פון אונדז האָט געמיינט, אַז זי פאַרט אַהין איינע אַליין, אָבער איצט ווײַזט זיך אַרויס, אַז מיר מוזן גאָר פאָרן זאַלבעצווייט, ווילנדיק, ניט־ווילנדיק, מײַל נאָך מײַל, און ווען מיר וועלן אָנקומען אויף יענעם וואָק־

זאָל, וועלן מיר מוזן צוזאַמען גיין טריט נאָך טריט, ווי א מענטש, וואָס שלעפּט נאָך זײַן אייגענעם שאָטן, ביז צום הויז, וואָס באַלאַנגט אונדז, דאַכט זיך, ביידן גלײַך אף גלײַך. ס׳הויז איז, ווי איר ווייסט, א שיינס, אָבער, צום באַדויערן, א קליינס. וועט אונדז זײַן דאָרטן ענג, וועט יעדער וועלן, אַז זי זאָל כאַטש זײַן די באַלעבאָסטע און יענע — די לאָקאַטאָרן. אפילע דאָס וואָלט אונדז ניט צופרידנגעשטעלט, ניט מיך און ניט אײַך, ווײַל איר וואָלט געוואָלט אינגאַנצן פאַטער ווערן פון מיר, און איך, בימכילע, פון אײַך. ביפראַט באַגער איך דאָס הויז מיט אַלע כאַדאָרימלעך פאַר זיך, און ניט אַזוי פאַר זיך, ווי פאַר דער טאָכטער, וואָס וועט מיט מיר מיטוווינען דאָרטן און קער זיך היינט-מאָרגן באַווײַזן אף דער שוועל. איר וועט זען, איך בין א גרויסע קײַסנטע, ס׳וועט לאַנג ניט געדויערן און כ׳וועל זיך פאַרטשעפּען מיט אײַך און אף אײַך אײַנגעבן אין געריכט. וועט דער ריכטער בעלי-סאָפעק זײַן א שויטע. אָנשטאָט צו מאַכן א קלוגע פשאָרע, וועט ער פאַסקענען, אַז מיר זײַנען ביידע גערעכט, אָבער אַז די שליסלען זײַנען שולדיק, וועט ער הייסן, מע זאָל צונעמען די פאָדערשטע טיר פון אונדזער הויז, קעדיי מיר זאָלן קענען ארײַן און ארויס אָן שליסלען, און סע וועט זײַן געמאַך. די טיר אראָפּגעריסן, וועט ניט פעלן קיין גאַנאָווים, און איינס-צוויי, איידער מע קוקט זיך גוט אום, וועט דאָס הויז בלײַבן פוסט ווי אַן אָפּגעליידיקטע שאָלעכץ. אינגיכן וועט עס מעגולגל ווערן אין א כורווע און דער רעגן וועט זיך ארײַנגיסן. ס׳וועט זײַן א ראַכמאָנעס סײַ אף אײַך, סײַ אף מיר, סײַ אף דער אומשולדיקער טאָכטער מײַנער, וואָס וואַרט זינט לאַנג אף אַן אייגענעם דאַך און אייגענע שטאַרקע ווענט, ווי א האַרבעריק קעגן די צאָרעס פון איר פאַרמוטשעטע לעבן נעבעך”.

די זקיינע שטעלט זיך אָפּ אף א רעגע, דערנאָך גיט זי צו: „און עפשער איז פאָרט גלײַכער, איר זאָלט ווױנען מיט מיר און מיט דער טאָכטער, עפשער זײַט איר אויך אַן עלנטע. פאַרוואָס זאָל דאָס הויז ניט קלעקן אף דרײַ מענטשן, אבי מע הויזט זיך בעשאָלעם?”

די יונגע פרוי, וואָס האָט די גאַנצע צײַט געשוויגן און זיך צוגעהערט מיט א וואַקסנדיק געפיל פון כידעש צו דער אַלטערס רייד, צעלאַכט זיך און זאָגט: „מײַן שליסל איז א נאָכגעמאַכטער: אײַערער איז דער אָריגינאַל. מע האָט מיר דערציילט, אַז ווען כ׳וועל פאָרן אינעם דאָזיקן לאַנד, שטאָט, קוואַרטאַל און געסל, — וואָס איך בין, אַגעוו, קיינמאָל דאָרטן ניט געווען, כאָטש די נעמען זייערע קען איך, — וועל איך געפינען דעם בנין, ווו סע וווינט מײַן קלוימערשטע און עפּשער גאָר עמעסע מאַמע, וואָס הייסט מאַלקע שוואַרץ. איך הייס שאָשאַנע שוואַרץ און מע זאָגט, אַז איך בין איר טאָכטער. ווײַזט דעריבער אויס, אַז איר — אַז דו ביסט מײַן מאַמע — ס׳וואָר צי ניין?"

ווערט די אַלטע פרוי נישטוימעם. פרייד און וווּנדער לײַכטן זיך פון איר פּאָנעם אַרויס. ביסלעכווײַז קומט זי צו-זיך. זי זאָגט: „געלויבט דעם אייבערשטן, טאָכטער, וואָס מיר האָבן זיך געטראָפן דאָ אין באַן. ווען דו וואָלסט די ערשטע אָנגעקומען אַהין, וואָלסטו געפונען א ליידיק הויז. אָבער דאָס, וואָס מיר האָבן זיך יאָ געטראָפן, איז מיר א סימען-טאָוו, אַז מיר וועלן, אימירצעהאַשעם, אָפּלעבן צוזאַמען א פּאָר רויִקע יאָרן, ביז דו וועסט מיט מאַזל גיין צו דער כופּע. טאָכטער, איך זאָג דיר צו, אַז אין יענער שטאָט קען יעדער פרוי מאַכן א גלײַכן און א גליקלעכן שידעך: סע פעלן ניט אויס קיין באָכערים, ווײַל ס׳איז שוין לאַנג, באָרעכהאַשעם, קיין מילכאָמע בא זיי ניט געווען".

פאָרט די באַן ווײַטער, דורך וועלכע דערפער און פעלדער מאַכט אונדז איצט ניט אויס. צווישן די פּאַסאַזשירן אין דער בויטענדיקער קופּע זיצן די צוויי פרויען ווידער פאַרטראַכטע, האַלב פאַרזונקענע אין כאָלעם, ווי קיינמאָל גאָר ניט. די רעדער זײַנען ניט פויל קעסיידער אונטערצובראַזגען דעם סטאַקאַטאָ-ניגן זייערן: „אונטער דער זון, אונטער דער זון, אונטער דער זון", און אַזוי ווײַטער, און ווײַטער, ביז ווען מע קומט אָן און שטעלט זיך אָפּ אין יענעם וואָקזאַל, וואָס דאָס הייסט, אַז מיר זײַנען אויך, טײַערע פרײַנט, געקומען צום סאָף פון אונדזער מײַסע.

הײַנטצײַטיקע
ייִדישע פּראָזע

СОВРЕМЕННАЯ
ЕВРЕЙСКАЯ ПРОЗА

יעכיעל שרײַבמאַן

שײנע, פּירעקעכדיקע קנעפּ

אָלגעס ליכטיקן אָנדענק

מיר האָבן זיך געקריגט אין שטוב מיט אונדזער זונדל איבער א נארישקײַט. איר'ט לאכן. איבער קנעפּ.

צי מוזן די קנעפּ אף א באַכעריש אָסיענדיק פּאלטאָכל, וואָס כ'האָב נאָרוואָס אָפּגענומען פון דער שנײַדער־אטעליע, זײַן געווײנלעכע, קײַלעכדיקע קנעפּ, אָדער ניט געווײנלעכע, קלוימערשט מאָדערנע, ווי דאָס זונדל וויל, — פּירעקעכדיקע.

איך און מײַן ווײַב האָבן בײדע געטײַנעט, אז קנעפּ אף א באַכעריש אָסיענדיק פּאלטאָכל דארפן זײַן, ווי קנעפּ זײַנען פון זינט די וועלט שטײט: נאָרמאלע, קײַלעכדיקע קנעפּ. ער, דאָס זונדל אונדזערס, האָט גאָר קײן סאך ניט געטײַנעט. ער האָט א קוק געטאָן אף אונדז מיט א גאנץ רויִקן קוק, שטארק זיכער, אפּאָנעם, אין זײַן גערעכטיקײַט, דאכט זיך, אפילע מיט א גנײוויש שמייכעלע ערגעץ ארום פּופּצניאָריקן נעזל זײַ־נעם, און קאלטבלוטיק געפרעגט:

— ווו שטײט עס געשריבן ווו? כ'מײן, דאָס־אָ, וואָס איר טײַנעט, אז קנעפּ דארפן אײביק זײַן קײַלעכדיק?..

— ווו סע שטײט געשריבן, וועל איך דיר זאָגן א צווײט מאָל. דערווײַל, זאָג איך, זאָלסטו פאָלגן, וואָס מע הײסט דיר?

— הער, הער. זאָג אים, ווו סע שטײט געשריבן, — האָט דאָס ווײַב מײַנס געפײַערט, — וועסט ארויסגײן אין גאס, וועט דיר די גאס זאָגן. מ'עט דיך באווארפן מיט שטײנער.

— די גאס איז דען אזוי שלעכט צו מיר, ווי טאטע־מא־מע? — האָט דאָס זונדל אונדזערס געמאכט אן אײדעלן גאנג, א קוועטש געטאָן אף א באזונדער מין דינער סטרונע.

דער מאמעס האַרץ איז טאַקע באַלד ווייכער געוואָרן:

— אַדרבה, גיב צו פאַרשטיין, לאָמיר הערן, וואָס פּלוצעם דאַרפן קנעפּ זײַן מיט אַ ווינעגקאַש, לענגלעכדיק, פּירעקעכדיק, ווי בײַ קיינעם ניט?

— זיי דאַרפן זײַן שיין, מאַמע. שיין! שיין!

— אַ שיינע מין שיינקייט! ס'מאַזל אויף מײַנע סאָנים!

— אין מענטשן דאַרף אַלצדינג זײַן שיין, מאַמע! — האָט ער אַ נעם געטאָן פאַר אַן איידעס טשעכאָוון, דער גאַנעוו.

די מאַמע האָט זיך אָבער ניט געלאָזט:

— שאַ, פאַרוואָס זשע האָסטו עס ניט געזאָגט דעם שנײַדער? פאַרוואָס האָט ער דיר אָפּגעגעבן די פּאַלטאָ מיט פּאַשעטע, קײַלעכדיקע קנעפּ? ווער ווייסט נאָך, דאַכט זיך, בעסער, וואָס שיין איז, ווי ער?

— זאָל איך זיך מיטן שנײַדער אויך געוועזן קריגן? אַז איר, טאַטע-מאַמע, פאַרשטייט ניט, זאָל אַ פרעמדער שנײַדער פאַרשטיין?

— דו איינער פאַרשטייסט מערער פון דער גאַרער וועלט. נו, נו, פאַרשטיי, פאַרשטיי.

דער מאַמעס ווייכערער טאָן און מײַן אַנשוויגן ווערן אויף אַ פּאָר רעגעס האָבן דעם זונדל אונדזערן אונטערגעגעבן קוראַזש. אין איין אויגנבליק האָט ער געטאָן אַ כאַפּ אַ ראַזירמעסערל און געגעבן אַ כיק אויף די קײַלעכדיקע קנעפּ פון דער פּאַלטאָ, אַז ס'האָט אַזש געריסן באַם האַרצן. ער האָט זיי נאָך געקענט אָפּכיקן איינעם מיט שטיקער שטאָף אויך. אוועקהאַרגענען אַ נײַע פּאַלטאָ. און אַז אַזאַ סאַקאַנעסדיקע אָפּעראַציע איז אַזוי-אָ דורך בעשאָלעם, דאַרף מען שוין ביכלאַל שטיין בײַ דער זײַט און שווײַגן, טראַכטן — אַ דאַנק דערפאַר. זײַן צופרידן, וואָס מ'האָט נאָך דערצו אַ שטיקל גליק אויך.

האַקיצער, ער האָט אַרויסגעכאַפּט פון אַ שופלאָדל אַ נאָדל, אַ קלעצל פּאָדעם, אויסגעוויקלט פונעם פּאַפּירל די דרײַ לאַנגע מאָדנע קנעפּ, וואָס ער האָט ספּעציעל באַשטעלט אין שטאָט בײַ אַ ספּעציעלן מײַסטער; גאָר געשיקט, מיט איין אויג אָן אָפּנס און מיט איין אויג אַ פאַרמאַכטס, אַרײַנגעסילעט אין דער נאָדל דעם פּאָדעם; באַלמעלאָכיש אַ דריי געטאָן דעם עק צווישן צוויי פינגער, און ס'איז אין איין רעגע

געוואָרן א קניפּל; און ער האָט זיך גענומען נייען. גיי ווייס, אז ער קען גאָר הילכעס שנײַדערײַ אויך, דער טאכשיט.

— שטייט ניט און לעבט ניט איבער! — האָט ער א זאָג געטאָן. — אָט וועט איר אומיסטן זען, ווי מיט א קלײניקײַט, מיט א פּאָר פרישע ליניעס, באקומט דער מאלבעש אן אנדער אויסזען. ער הערט אוף זײַן באנאל, ציגעגעסן, אלט. ווערט שענער, עסטעטישער.

הער-הער לאָשן!

די מאמע האָט ער באלד געווונען. זי איז געשטאנען און געקוקט, ווי ער דרייט ארום גיך-גיך ארום קנאָפּ דעם פאָדעם, טוט אים דערנאָך פלינק א בײַס אָפּ שנײַדעריש מיט די ציין, און זי האָט מאמעש אָנגעקוועלט. כ׳וואָלט געשווירן, אז ס׳האָבן זיך איר אפילע א שטעל געטאָן פאר נאכעס טרערן אין די אויגן.

— מיר זאָל זײַן פאר זײַנע טײַערע פינגער! — האָט זי מיך געטאָרעט. — זע נאָר, ווי ער מאכט עס... מיט א פּיסעלע.

איך בין געשטאנען, און ס׳האָט אין מיר געקאָכט. אזוי איז ער דײַקע אן ערנסטער יונגאטש, אונדזער זונדל. לייענט א סאך, לערנט זיך גוט. די מוזיק-שול איז א שווערע שול. מע דארף, כוץ אלע זיבעצן לימודים, שטיין ערשט און האָרעווען טאָג בא טאָג אינדערהיים א פיר-פינף שאָ מיטן פידל. און ער האָרעוועט. שטייט און האָרעוועט. די לערער לעקן פון אים די פינגער, זאָגן, אז ער איז א קיילע. מענטשן זײַנען אונדז מעקאנע. אלץ איז גוט. נאָר וואָס הייסט עפּעס פיר-עקעכדיקע קנעפּ?

כ׳האָב געכאפּט א קוק, ווי ער דרייט זיך שוין לעבן שפּיגל און מעסט אָפּ זיך דאָס פּאלטאָכל. פארשפּיליעט עס, צעשפּיליעט עס, טוט א צי א פּאָלע אהער, טוט א צי א פּאָלע אהין, פארבינדט דעם גארטל מיט א קנופּ פון פאָרנט, טוט א פּרווו אינגאנצן אָנעם גארטל. ס׳פּאסט אים בעפּיירעש דאָס פּאלטאָכל געזונט אן אײַזן. די דאָזיקע לאנגע קנעפּ, זע איך, זײַנען גאָר ניט מיִעס, טאקע גאנץ שיין. נאָר וואָס הייסט עפּעס נאָכגעבן, לאָזן אויספירן, באלעווען? וואָס הייסט עפּעס פלו-צעם מעשוגענע קנעפּ?

כוץ דעם, וואָס וועלן מענטשן זאָגן? אופגעוואקסן א פּוסטעפּאסניק, א ליידיקער קאבאק. און אינדערעמעסן: וווּהין

קאָן עס טאקע פּירן? ס'הייבט זיך אָן מיט קליינקייטן, מיט לאנגע קנעפּ, מיט שמאָלע הייזלעך, מיט דער רועך ווייסט וואָס, און ס'ענדיקט זיך מיט גאַרניט, מיט גאַרניט־שעבעגאַר־ניט.

ווי פּאַרט זיך ערנסטקייט, פידל־שפּילן, קלאסישע מוזיק, פוגעס, אדאזשיעס, עטיודן, באַך, וויוואלדי, בעטהאָווען, מענ־דעלסאָן — מיט צאצקעס, מיט ווינט אין פעלד, מיט פוסטע פאנטאזיעס!

דער קאס איז אין מיר געוואקסן, ווי עפּעס כאָלילע א מעסוקן געשווילעכץ. ס'האָט מיך געגעבן א טראָג צו צום זונדל, ווי עפּעס א ניט־גוטער:

— שוין, — זאָג איך, — זאָלסטו אהער געבן די פּאלטאָ!

כ'האָב מיסטאמע געהאט יענעם אויסזען. מאכמעס דאָס זונדל אונדזערס האָט זיך באלד איבערגעביטן אפן פּאָנעם. די שפּיץ נאָז זײַנע איז געוואָרן ווײַס, ווי א קרײַדל, די ליפּן פארבלאָווט, דער שטערן פארקנייטשט.

— וואָס איז געשען? — האָט ער א פרעג געטאָן מיט אזא כידעש, גלײַך ווי ער ווייסט ניט, וואָס ס'איז דאָ גע־שען. — נא. שרײַ ניט. ט'האָסטו די פּאלטאָ.

— און שוין זאָלסטו א נעם טאָן דאָס ראזיר־מעסערל אין דער האנט, הערסטו?!

— ט'איז דאָס ראזיר־מעסערל. וואָסי :'ען?

דאָס ווײַב מײַנס האָט געזען, ווי עס האלט מיט מיר, און האָט זיך ארײַנגעשטעלט צווישן אונדז אינדערמיטן. זי איז שוין איינגאנצן געווען אף זײַן זײַט:

— הער די גרויסע פּראָבלעם: די ערד איז קײַלעכדיק, צי די ערד איז פירעקעכדיק.

— גיב אים אונטער, גיב אים אונטער כעך.

און צום זונדל האָב איך שוין א מאך געטאָן מיט א פּאָר טענער נידעריקער:

— נעם, — זאָג איך, — און שנײַד שוין צוריק אָפּ די קנעפּ. שוין, זײַ מוײַכל. אין דער־אָ רעגע!

קוקט ער מיך אָן און שאָקלט מיטן קאָפּ אף ניין:

— נע, אזוי־אָ גרינג שנײַדט מען אָפּ קנעפּ? ווילסט, איך זאָל קאליע מאכן א נײַע פאלטאָ?

— האַקלאַל, — זאָג איך, — וועל איך זיי אַליין אָפּשנײַדן!

מאַכט ער:

— כ'קען דאָך דיך, טאַטע... וועסט זיי אַליין אָפּשנײַדן און וועסט זיי דערנאָך אַליין צוריק צונייען.

די מאַמע שמייכלט, און ער, דאָס זונדל אונדזערס, טוט זיך א דערמאָן, אַז אין א פערטל שאָ אַרום האָט ער הײַנט אין שול אָרקעסטער, טוט ער א צי אַרויף אַף זיך דאָס אַלטע קליין געוואָרענע פֿאַלטאָכל זײַנס, טוט א כאַפּ דעם פידל אין דער האַנט און טוט צו מיר א מאַך בא דער טיר שוין:

— טאַטע, מײַלע אין פידל־שפילן פאַרשטייסטו ניט, אָבער אַזאַ־אָ קליינע זאַך ווילסטו אויך ניט פאַרשטיין!

— הער־הער לאָשן פון א טאַכשיט!

און ער איז אַוועק. עמעס, קיין קלאַפּ הינטער זיך מיט דער טיר האָט ער ניט געטאָן. נאָך א דאַנק דערפאַר!

כ'בין געבליבן שטיין אין דער מיט שטוב מיט דער פֿאַלטאָ אַף די הענט, געשטאַנען א רעגע א צעמישטער, און געפילט, ווי דער קאַס הייבט אין מיר ביסלעכווײַז אָן אָפּגיין. כ'ווייס, עפּשער איז ער גאָר ניט אַזוי ניט גערעכט, דער כעווערעמאַן? ס'איז טאַקע עפּשער, ערשטנס, אַזאַ־אָ קליינע זאַך. און צווייטנס, עפּשער וויל איך עס טאַקע פּאָשעט ניט פאַרשטיין, האַ? נאָר פונדעסטוועגן האָב איך אָנגעטאָן די ברילן, אַוועקגעזעצט זיך אַף א בענקל, צעלייגט די פֿאַלטאָ אַף ביידע קני מײַנע און ביז עפּעס־וואָס פּאַוואָלינקע צוריק אָפּגעשניטן די טײַערע קנעפּ.

דאָס ווײַב מײַנס האָט אָבער אויך ניט געשוויגן:

— אַן אומגליק א גרויסער: דאָס קינד וויל האָבן א ביסל פאַרגעניגן. ער האָרעוועט קאַרג? שטייט אויף זעקס פאַרטאָג. אָט איז ער אַוועק אין שקאָלע ביז א שאָ אין דער נאַכט. א גאָלדן קינד... אַזוי־אָ גרינג, מײַנסטו, קומען אים אָן די פינפן?

— זאָל מען אים פאַר די פינפן באַלעווען, האַ?

— איבער נאַרישקײַטן מאַכסטו אָן גוואַלדן. און זומער, אַז זיי האָט געוואָלט פאָרן אַף דער צעלינאַ, האָסטו אים ניט געלאָזט.

— איך האָב אים ניט געלאָזט? דו האָסט אים ניט געלאָזט!

— איך האָב אים ניט געלאָזט? מ'האָט אים שוין גראדע פּאַשעט פו דער שקאָלע ניט געלאָזט.

— וואָס זשע זאָגסטו, אז איך?

— כ'זאָג, ער איז א גאָלדן קינד.

— ווײַל אזוי, דארף מען אים, הייסט עס, קאליע מאכן?

— קיין גוטס שאַט ניט און קיין שלעכטס העלפט ניט!

— הײַד, האקלאל. דו נייסט צוריק צו די קײַלעכדיקע קנעפּ, צי איך ניי זיי צו?

— ניי, ניי דו. טו דו אָפּ דאָס גרויסע שטיקל ארבעט.

דאָס ווײַב מײַנס האָט זיך אוועקגעזעצט אן אָנגעבלאָזענע באַם טיש איבער א ביכל, און איך, אקשן, האָב גענומען די קײַלעכדיקע קנעפּ, וואָס דאָס זונדל אונדזערס האָט איינס־צוויי אָפּגעכיקט און זיי פאמעלעך אָנגעהויבן צוריק צונייען צום פאלטאָכל. אָף דער נעשאָמע איז מיר געווען גוט אָנגעזאָליעט. מיד פון דער דאָזיקער גאנצער געשיכטע בין איך אויך גוט געווען. כ'בין געזעסן מיטן פאלטאָכל אָף די קני, גענייט די קנעפּ, און פאר די אויגן איז מיר די גאנצע צײַט געשטאנען דאָס זונדל אונדזערס. אָט, נאָרוואָס, מיטן פאלטאַכל קעגן שפּיגל, אָט, נעכטן־אייערנעכטן, מיטן פידל באַם אקסל, אָט, א פּאָר יאָר צוריק, אין א רויט פּיאָנעריש טיכל. אָט הער איך אים לאכן, אָט הער איך אים וויינען. אָט שליטל איך אים אין א שליטעלע, אָט זיץ איך לעבן זײַן בעטל און מעסט אים אָפּ די היץ. אָט ליגט ער און גוגערט אין וויגל, אָט שאָקל איך אים אָף די הענט און ברומקע אים צו א לידל... די נאָדל האָט מיר אלעמאָל צעשטאָכן די פינגער. טויזנטער געדאנקען האָבן זיך אָנגעהויבן דרייען ארום מיר, פליִען ארום מיר, פּאטשן, ווי פייגעלעך מיט די פליגעלעך, טשיריקען און זינגען. און פלוצעם האָבן זיי אָנגעהויבן פליִען, די געדאנקען, ווײַט־ווײַט, זײַנען געפלויגן איבער שטעט, איבער יאָרן. פאר די אויגן, אפן אָרט פון אונדזער זונדעלע, האָב איך פלוצעם דערזען זיך אליין. אויך אזא־אָ פערצן־פופצניאָריק זונדל, ווי ער. איין פייגעלע איז צוגעפלויגן צו א קליין נידעריק שטיבל, אָנגעהויבן דראפּען מיט די פיסלעך א קליין קרום פענצטערל. ארום און ארום איז פינצטער־כוישעך.

ס׳איז שוין עפשער צוויי צי דרײַ באנאכט. דער מומע דוווי־
רעס קליין קעלער־שטיבל. די קרומע, נידעריקע פענצטער
אירע. אקוראט אזוי האָט דעמלט דאָס באָכערל אין יענעם
באנאכט געדראפּעט מיט די פינגער דער מומע דווירעס א
שײַבל.

— ווער איז דאָרט?

— עפנט, מומע דווירע. איך בין עס. כ׳בין געקומען
נאָכן טשעמאָדאנטשיק!

— וואָס פאר א טשעמאָדאנטשיק?

— דער טאטע האָט מיך געשיקט. מײַן טשעמאָדאנטשיק.
ער האָט אים הײַנט פארטראָגן צו אײַך.

— כ׳ווייס ניט פון קיין שום טשעמאָדאנטשיקעס!

— א סימען, ער האָט אײַך דערציילט די היסטאָריע מיט
דער קאָסאָוואָראָטקע. מיטן זיידן.

— אײַ, שאָלטיק, שאָלטיק. גיי צו צו דער טיר, ט׳עפן
איך דיר אויף!

דער טאטע איז גאנצע טעג אומגעגאן און געזיפצט. בא־
נאכט פלעגט ער ליגן אפן געלעגער און קרעכצן. קרעכצן
מיט א געשריי, מיט א גוואלד. ווי ער וואָלט געלעגן אף
צוועקעס, ווי מע וואָלט אים קיין איין אייוועך ניט געלאָזט
קיין גאנצן.

די מאמע איז א שטיק ווינטער געווען שלאָף. ארום
פּייסעך־צײַט איז זי אראָפּגעקראָכן פונעם בעט אן אויסגע־
בלייכטע און אײַנגעשרומפּענע, אומגעגאן אין שטוב, אָנ־
האלטנדיק זיך באם טיש, בא די סאָפּקעס — דער קאָפּ זאָל
זיך איר ניט פארדרייען; געשטופּט דעם נײַעם שוועסטערל א
דארע ליידיקע ברוסט אין מײַלעכל מיט קאס און רוגזע, גלײַך
ווי דאָס נײַע שוועסטערל וואָלט געווען שולדיק אין גאנצן
אומגליק.

און עפשער איז טאקע דאָס נײַע שוועסטערל יאָ א ביסל
שולדיק, הא?

ביז איצטער זײַנען מיר געווען זעקס. איצט זײַנען מיר
שוין זיבן. מײַלער אין שטוב זײַנען, הייסט עס, געוואָרן מע־
רער, און צו די מײַלער אין שטוב ווערט וואָס א טאָג ווינ־
ציקער. וויפל מאָל קאָן מען אײַנריידן דעם אוילעם, אז הײַנט

איז א טאָנעס בא ייִדן? און אז מע מוז אזוי אָפט איינריידן טאנייסים, פאַרוואָס זשע ברענגט מען אזוי אָפט נייע מיילער אף דער וועלט? און ווו וועט מען אהינטאָן דאָס קליינוואַרג, ווען ס'וועט אונטערוואַקסן? סיליען טוטין אפן בארג? ניאַנ־טשען א נעגידיש בעניאָכידל? אַט ווערט שוין דעם עלטסטן, דעם בכאָר, פופצן יאָר. וואָס וועט ער זײַן און צו וואָס וועט ער זיך צושלאָגן? אויך שטיין און זיפצן אין א לײדיק קלייטל? און וויאזוי פלאָנטערט מען זיך אויס פון אזויפיל כריוועס? און ווו לייט מען באַנייס אף א זעקל פאפשוי־מעל? און ווו דאָס? און וויאזוי יענץ?

כ'האָב גוט געוווּסט, אף וואָס פאר א צוועקעס דער טאַ־טע ליגט עס אזוי יעדן באנאכט אפן געלעגער.

כ'האָב אָבער אויך געוווּסט, אז ווען כ'וועל דעם טאטן א זאָג טאָן, אז כ'האָב באשלאָסן פון דער היים אוועקצופאָרן, וועט ער אף מיר א קוק טאָן מיט א פאָר טרויעריקע אויגן, וועט קוים הערן, א פארכושטער, וואָס איך רעד צו אים, און וועט אָנהייבן, ווי זײַן שטייגער איז, זיפצן מיט א מין כאָרכל:

— ווּהין פאָרן און וואָס פאָרן? אומעטום איין וועלט? כ'הייס ניט פאָרן!

די שמועסן האָב איך געפירט מיט דער מאמען, און זי האָט גענומען זיך אף זיך פאוואָלינקע צוצוריידן און איבערצוריידן דעם טאטן.

די מאמע האָט מיר אויסגעוואשן און אויסגעלאטעט די צוויי פאָרלעך גרעט, פון וועלכע כ'בין שוין היפש ארויסגעוואקסן; זי האָט ארויסגעשלעפט פון דעם סאָפקע־קאסטן א פאָר הויזן, א רעקל, א וואָרעם לייבל, וואָס א קלענער ברודערל מיינס האָט שוין, נעבעך, פאראיאָרן נאָך, אָנגעהויבן טראָגן; זי האָט אויסגעלופטערט אין הויף מײַן ווינטערדיקע סקורטע; זי האָט מיר אויסגעפּרעסט די ווייסע, אויסגענייטע, שאבעסדיקע בלוזקע.

איך האָב אראָפּגעבראכט פונעם בוידעם עפּעס א מין סאָלדאטסקע קעסטל מיט אן אייזערן הענטל אפן דעקל, וואָס האָט שוין, איידער עפּעס־וואָס, געשניטן די פינגער.

און אזוי־אָ, מיט דעם־אָ „טשעמאָדאנטשיק" און מיט דער־אָ „גאַרדעראָבע" אין טשעמאָדאנטשיק, האָב איך גע־דאַרפט אוועק ערגעץ אין א גרויסער שטאָט ווערן א מענטש.

דאָס קעסטל איז א פּאָר טעג געשטאנען א צעעפנטס אין דרויסן. כ׳האָב עס דערנאָך אויסגעשפּרייט מיט פּאפּיר, דאָס ערשטע ארײַנגעלייגט די ווינטערדיקע סקורטע, ווו ס׳איז אין א קעשענע, פארשפּיליעט מיט א שפּילקע, געלעגן גאנצע דרײַסיק ליי, וואָס די מאמע האָט, אויסנוצנדיק אלע זכוס־אָוועס, צום לעצטן מאָל בא עמעצן געליִען א גמילעסכעסעד. אף דער סקורטע האָב איך אײַנגעפּאקעוועט די איבעריקע זאכן, ארײַנגעלייגט א פּאָר ביכלעך, א פּאָר העפטלעך, ארײַנגעלייגט די מעטריקע, אז איך בין איך; און אז דער טשעמאָדאנטשיק איז שוין געשטאנען א פארטיקער אין שטוב אף א טאבורעטל, פארשלאָסן מיט א גרויסן שלאָס, וואָס כ׳האָב א מעסלעס געווייקט אין קעראָסין, ער זאָל זיך אָנהייבן שליסן. און דער טאטע האָט זיך אלץ געמאכט ניט זעענדיק, אלץ געשוויגן. האָט מיר די מאמע אָפּגעבאקן עטלעכע פרישע פּאפּשויענע פּלעצלעך אין וועג ארײַן, און איך בין אוועק צו לייזער באלעגאָלע אָנזאָגן אים, ער זאָל אָן א מאסקאָנע פארטאָג מיך אויך קומען נעמען צום וואָקזאל.

א גאנצן אָפּדערנאכט בין איך ניט געווען אינדערהיים, געזעגנט זיך אין גאס מיט די כעוורע, געזעגנט זיך מיטן שטעטל. כ׳בין אהיים געקומען שפּעט, ארום צוועלף. אין דער שאָ שלאָפט מען שוין טאָמיד בא אונדז. דאָס מאָל האָט נאָך געשײַנט אין פענצטער. די טיר איז נאָך געווען אָפן. דער טאטע האָט זיך אומגעדרייט אין שטוב אָן אײַנגעהויקערטער, מיטן פּידזשאק אף זיך. איין האנט ארײַנגערוקט אין דער אנדערער, ווי ס׳וואָלט געווען א פראָסט. ער איז צוגעקומען צו מיר, אָנגעהויבן דרייען זיך ארום מיר, רײַבן זיך די באק, אויסהוסטן זיך, ווי ער וואָלט זיך געקליבן אָנצוהייבן עפּעס גאָר א גרויסן שמועס. נאָר אָנגעהויבן דעם שמועס האָט ער פונעם סאמע סאָף:

— סײַוויסײַ, הערסט? ווערסט סײַוויסײַ אין ערגעץ ניט פאָרן!

— פארוואָס ניט פאָרן? וואָס הייסט ניט פאָרן?

— ווײַל... מע דארף ניט פאָרן?

— וואָס הייסט מע דארף ניט? פארוואָס דארף מען ניט?

— ווײַל אזוי! כ׳האָב סײַוויסײַ פארטראָגן דעם טשעמאָדאנטשיק!

— פאַרוואָס האָסטו אים פאַרטראָגן? וווּהין האָסטו אים פאַרטראָגן? פאַרוואָס?

דער גרויסער באָכער, וואָס פאָרט אַרויס אין דער וועלט אַליין פאַרדינען זיך אַפּן שטיקל ברויט, אַרבעטן אין פאַבריקן, קליגער ווערן און פּרוּוון עפּשער אַליין דערנאָך די וועלט קליגער מאַכן, האָט זיך צעוויינט ווי אַ קליידער-ייִנגל.

די מאַמע איז אַרויס פֿונעם בעט אין הוילן העמד „אײַנע־מען" מיך און זיך לעבן מיר אַליין צעכליפּעט. די קינדער האָבן זיך אָנגעהויבן אויפכאַפּן, אונטערפּכיקען. די מאַמע איז אַוועק אײַנשטילן זיי, אײַנוויגן. איך האָב זיך באַלד באַרויִקט. אין שטוב איז ווידער געוואָרן שטיל. דער טאַטע איז געזעסן לעבן מיר און געשוויגן. מיר זײַנען עפּשער אָפּגעזעסן אַזוי אַריבער אַ שאָ. איך אין אַן עק סאָפקע — ער אין אַן עק סאָפקע. ער האָט מיך ניט געפרעגט, וווּהין איך וויל פאָרן, צו וואָס איך וויל פאָרן. איך האָב אים ניט געזאָגט, אַז דאָס גאַנצע ליידיקע קלייטל זײַנס מיטן גאַנצן אַרום־און־אַרום שטיקט מיך און וואָרגט מיך; אַז אין שטוב וועט כאָטש ווערן ווייניקער מיט אַן עסער; אַז איך האָב אין טשעמאָדאַנטשיק אַ העפטל מיט שורעס, וואָס גראַמען זיך; און אַז דאָס איז נאָך אויך ניט אינגאַנצן — צו וואָס טויגן די געגראַמטע שורעס, אַז די וועלט גראַמט זיך עפּעס ניט? ער האָט מיך גאָרניט גע־פרעגט, און איך האָב אים גאָרניט געזאָגט. מיר זײַנען געזעסן און געשוויגן. נאָר ווער ווייסט, עפּשער האָבן מיר אַזוי־אַ שווײַגנדיק יאָ דעמלט גערעדט צווישן זיך? מאַכמעס פּלוצעם האָט זיך דער טאַטע געגעבן אַ הייב אויף פון דער סאָפקע, געטאָן אַ טיפן כאָרכלדיקן זיפץ און אַ זאָג געטאָן:

— נו, מיילע, לאָז זײַן אַזוי. דער טשעמאָדאַנטשיק איז בא דער מומע דווירען. גיי און נעם אים... און פאָר. זײַ מאַצלִיעך.

— בא דער מומע דווירען? ס׳קער שוין זײַן צוויי דער זייגער!..

— וואַרט אויס, לויף ניט. אָן אַ סימען וועט זי דיר אים ניט געבן. זאָג איר, אַז מיר האָבן זיך הײַנט צערעדט מיט איר וועגן זיידן, אַלעווהאַשאַלעם. וועגן טאַטן מײַנעם. כ׳האָב איר דערציילט די היסטאָריע מיט דער קאָסאָוואָראָטקע.

כ׳בין אַרויס אין שטאָקפינצטערן דרויסן און אין דער

פינצטערניש, איינער אליין איבער א גאנץ שטעטל, גענומען לויפן צו דער מומע דווירען. די מומע דווירע האָט דעם טאטן אָנגעקערט אן אייגן געשוועסטערקינד, איז געווען דעם טאטנס א פעטערס א טאָכטער. מיר האָבן זי גערופן „מומע דווירע“, ניט ווי מע רופט אמאָל גלאט אזוי אן עלטערע יידענע „מומע“, נאָר ווייַל מיר האָבן זי אלע שטארק ליב געהאט, אונדזער קרוויוועשאפט מיט איר קיינמאָל טיף ניט געוואָלט אויסרעכענען, זי געהאלטן פאר אן אייגענער מומען. אין שטעטל האָט זי געהייסן „דווירע די כאזנטע“. נאָכן מאן אירן זיידל כאזן, וואָס איז געווען בארימט אין דער גאנצער געגנט, און איז איינמאָל אין א פרעמד שטעטל, בייסן דאווענען א שאבעס, אוועקגעפאלן באם אָמעד צווישן די פיר מעשוירערים זייַנע און צווישן א פולער שול יידן אין טאלייסים. דער מומע דווירען איז איבערגעבליבן פונעם מאן א פאָר גרויסע ספאָרים מיט לייַוונטענע אייַנבונדן, גרויסע און ברייטע, ווי לאמדאָנישע געמאָרעס צי ווי סאָכרישע כעזשבנביכער. נאָר אינווייניק אין די דאָזיקע ספאָרים זייַנען אף די שטייַפע קנאקנדיקע בלעטער נישט געשטאנען ניט קיין לאמדאָנישע פלוגטעס און ניט קיין סאָכרישע האכנאָסעס און הויצאָעס, נאָר אזעלכע קישעפדיקע פאסיקלעך און פינטעלעך, וואָס די מומע דווירע האָט אָנגערופן מיט אזא סוידעסדיק־זינגענדיקן נאָמען — נאָטן. קיינער אין גאנצן שטעטל האָט זיך אין די דאָזיקע פינטעלעך און פאסיקלעך ניט אויסגעקענט. מיט א דרייַ־פיר יאָר צוריק, ווען איך בין נאָך געווען א קליינער און האָב נאָך געהאט א שיין קעלעכל, פלעגט מיר די מומע דווירע אָפט ווייַזן די דאָזיקע ספאָרים. זי פלעגט אָנטאָן דיברילן, מישן די קנאקעדיקע בלעטער, קוקן אין זיי, ווי זי וואָלט געוווסט, וואָס זי קוקט, און בלאט נאָך בלאט דערציילן וועגן איר זיידל כאזן ווונדער איבער ווונדער. צום סוידעסדיקן וואָרט „נאָטן“ איז צוגעקומען נאָך א סוידעסדיק וואָרט „קאָמפּאָזיציעס“. און נאָך ווערטער: „פוגעס“, „טריאָס“, „קווארטעטן“. נאָך די אלע סוידעסדיק־זינגענדיקע ווערטער פלעגן זיך טאָמיד נאָכשלעפן, ווי א מין וויסטע פארשאָלטנקייַט, „זאטע גאבאָים“, וואָס האָבן איר זיידלען, דעם גוואלדיקן מענאגן, וואָס האָט געקאָנט ווערן א שעם אף דער וועלט, אָפּגעקירצט די יאָרן, געטריבן יונגערהייט אין דער ערד ארייַן.

און אַז זי פֿלעגט די נאָטן־ביכער צוריק פֿאַרמאַכן און באַהאַלטן, פֿלעגט אין אָרעמען שטיבל אירן בלײַבן אַזאַ הייזעריק־פֿאַרכריפּעטע שטילקײַט, ווי נאָך אַן איבערגעריסן־וויינענדיק געזאַנג. די מומע דווירע איז געווען אַ שוואַרצע ייִדענע, מיט טיפֿע שוואַרצע אויגן. זי האָט טאָמיד געטראָגן אַן אָפּגעבליאַקעוועט שוואַרץ טיכל אויפֿן קאָפּ, און פֿון אונטערן טיכל האָבן זיך אַרויסגעזען ווײַסע קלוגע האָר. באַהאַלטענערהייט, קיינער זאָל ניט זען, פֿלעגט זי רייכערן. זומער־צײַט פֿלעגט זי זיצן מיט די ברילן אויף דער נאָז, מיט שפּיזלעך אין די הענט און אויסאַרבעטן נעגידעסטעס וואַרעמע זאָקן אויפֿן ווינטער. זיידל כאַזן האָט זי איבערגעלאָזט מיט פֿיר יעסוימים. דרײַ ייִנגלעך און אַ מיידל. דאָס מיידל, פּערל, איז אויסגעוואַקסן אַ כיינעוודיק מיידל, מיט צוויי שוואַרצע, געשמאַקע, כיינעוודיקע צעפּלעך. (קאָן זײַן, אַז דאָס פֿלעגן מיך אַזוי די דאָזיקע צעפּלעך אָפּט אַ ציִ טאָן צו דער מומע דווירע.) די דרײַ ייִנגלעך אָבער זײַנען געוואַקסן, ווי אין סטויפּ אַרײַן, געוואַקסן אָן אַ טאַטן. זיי זײַנען איינציקווײַז אַלע דרײַ אַוועק פֿון דער היים אָן אַ זײַ־געזונט, געוואַלגערט זיך ערגעץ אין דער פֿרעמד, איבערגעווען אַלצדינג אין דער וועלט: פּריקאַזטשיקעס אין קלייטן, קעלנערס אין רעסטאָראַנען, טרעגערס בײַ וואָקזאַלן; און ס׳זײַנען וועגן זיי אומגעגאַן אין שטעטל ניט קיין וואַזשנע קלאַנגען. (קאָן זײַן, אַז איבער די דאָזיקע דרײַ ייִנגלעך האָט דער טאַטע פֿאַרטראָגן דעם טשעמאָדאַנטשיק גראָד צו דער מומע דווירע.) געוווינט האָט די מומע דווירע אין קעלער־שטיבל אונטער אַ גאַנעק, מיט צוויי קליינע טונקעלע פֿענצטערלעך בײַ דער ערד און מיט אַ סאַך הילצערנע טרעפּ אַראָפּ, וואָס האָבן זיך געשאָקלט און געסקריפּעט און אויסגעזען ניט ווי קיין שטענדיקע טרעפּ, נאָר ווי עפּעס אַ מין צוגעשפּאַרטער לייטער.

די מומע דווירע האָט מיר אויפֿגעעפֿנט און מיך אַרײַנגעלאָזט אין שטוב אַרײַן. דאָס לעמפּל אויפֿן טיש האָט געברענט טונקל, אָנעם קאָלפּעקל, מיט אַ פֿאַררייכערט גלעזל, האָט שוין, אויפֿאָנעם, אַזוי געברענט לאַנג. אויף אַ קישן צווישן שאָטנס האָבן זיך אַ ריר געטאָן פּערעלעס צעפּלעך. די מומע דווירע, אין אַן אַרויפֿגעכאַפּטן מאַלבעש אויף זיך, האָט אַ ביסל אַרויסגעצויגן דאָס לעמפּל, האָט מיר געבראַכט צו טראָגן דאָס

קעסטל מײַנס — דעם טשעמאָדאַנטשיק — און מיר צוגערוקט א בענקל:

— זיץ א ביסל. פאַרסטו, הייסט עס, יאָ? אניט האָב איך דען ניט געוווּסט, אז ס׳וועט אזוי זײַן? וווהין זשע פאָרסטו?

— איך פאָר... ארבעטן אין פאבריקן. כ׳וועל זײַן א וועבער.

— אניט האָב איך ניט געוווּסט? כ׳קען ניט דײַן טאטן? כ׳בין געלעגן און בין ניט געשלאָפן. געוואַרט, זאָלסט שוין קומען א קלאפּ טאָן אין פענצטער. וואָס זשע וועסטו דאָרט וועבן, הא?

— דאָס, וואָס מע וועבט. וואָס אלע וועבן. כ׳ווייס נאָך אליין ניט, וואָס כ׳ל וועבן.

— זיץ, זיץ. ס׳איז שוין סײַוויסײַ באלד נאָך דער נאכט. א שיינע זאך. דער טאטע איז דאָ געזעסן עפּשער צוויי שאָ און גערעדט. ער האָט פארטראָגן צו מיר דעם טשעמאָדאַנטשיק, און זײַן טאטע, דער זיידע, אָלעוואהאשאָלעם, האָט פארטראָגן צו מײַן טאטן די טרייפענע בלוזקע.

— וואָס פאר א טרייפענע בלוזקע? א, דעם סימען?

— יאָ, דעם סימען. ס׳איז שוין דאָ אין דעם א שיין ביסל יאָרן. איך בין נאָך דעמלט, געדענק איך, געווען א מיידל, א קינד, ווי פערעלע. דער טאטע דײַנער איז נאָך אויך געווען א גאָרניט, נאָר ער האָט שוין אליין געהאָרעוועט, פּאפּישעוועט טוטין אין די דערפער בא פּריצים. איז ער אהיים געקומען אין א פאר־פייסעך און זיך אופגענייט בא א מאָדיסטקע א בלוזקע, א קאָסאָוואָראָטקע. פארשטייסט, אפן אָרט פונעם פרומען טאלעסקאָטן — אן אפּיקאָרסישע בלוזקע, ווי די גוטע כעוורע האָבן דעמלט געטראָגן. נו־נו, האָט אים דער זיידע דאָס ערשטע אָפּגעלאָזט צוויי פּעטש, און דערנאָך האָט ער גענומען די בלוזקע און זי פארטראָגן צו אונדז.

— און וואָס זשע איז געוואָרן?

— וואָס האָט געהאט צו ווערן? דער טאטע האָט דיר ניט דערציילט? אָדער ער רעדט צופיל, דער טאטע דײַנער, אָדער ער רעדט גאָרניט, שווײַגט ווי א קייווער. וואָס האָט געהאט צו ווערן? די בלוזקע איז געלעגן בא אונדז באהאלטן, ביז דער זיידע האָט א זאָג געטאָן דעם טאטן: „גיי צו צום פעטער יאָסל און נעם דיר אָפּ די בלוזקע!“

— און ס'האָט א סאך געדויערט?

— או, או, עפשער א גאנצן מעסלעס! באלד דעם אנדערן אפדערנאכט איז ער געקומען צו לויפן צו אונדז אין איין אָטעם, דיַין טאטע. ווייכע הערצער!.. ס'אזא מישפּאָכעפּעלער, אפּאָנעם. גרויסע אקשאָנים, קרומע קעפּ, נאָר ווייכע הערצער. פאַרסטו טאקע שוין פארטאָג?

— יאָ, מומע דווירע.

— פאָר, זון, זיַי גזונט־בייַן. און זאָל דיר גליקן מער א קאפּל, וויפל די דריַי באָסיאקעס מיַינע. דו האָסט כאָטש א טאטן, וואָס זאָגט אי ניין, אי יאָ... הייסט עס, א ווערבער, הא? פארמאָגסט אזא שיין שטימעלע. כ'האָב געמיינט, ס'וועט פון דיר עפּעס אויסוואקסן. מיַינע זיַינען אויך אלע מענאגנים, האָבן אן אויער, האָבן געפּיל. נאָר וואָס, ווען? ס'איז געלעגן און געוואַרט אף זיי אזא יערושע, אזא אויצער. ס'ווייסט דען עמעצער, וויפל הארץ ער האָט אריַינגעלייגט אהין, מיַין זיידל? ווער זוכט עס? ווער דאַרף עס?.. נו, האקלאל, לאָמיר זיך געזעגענען!..

די מומע דווירע האָט א וויש געטאָן די אויגן און זיך מיט מיר צעקושט. איך האָב אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו פּערעלען און א זאָג געטאָן אף א קאָל:

— בלייַבט געזונט!

כ'האָב גענומען דעם טשעמאָדאנטשיק און אף די סקריפּענדיקע טרעפּ אופגעהויבן זיך ארוף, אין דרויסן ארויס. די שווארצקייַט אין דרויסן האָט שוין אָנגעהויבן גרוי ווערן. ערגעץ האָט מען שוין געהוסט, געצויג פון א קרענעצע וואסער. לעבן אונדזער שטוב האָט זיך געדרייט דער טאטע, אָנגעטאָן אין פידזשאק, מיט דער קוטשמע אפן קאָפּ, און א זאָג געטאָן, אז ס'איז שוין באלד טאָג, לייזער באלעגאָלע שפּאנט שוין, דאכט זיך, די פערד.

דאָס וויַיב מיַינס האָט פּלוצעם אָנגעהויבן לאכן. וואָס הייסט לאכן! ווי זי לאכט עס טאָמיד, מיטן יונגן הויכן געלעכטער אירן, וואָס הערט זיך שטענדיק וויַיט און שטארק, ווי א גלאָק.

— ער האָט אָבער געוווּסט. ער האָט אָבער געזאָגט. א כאָכעם פון א קינד. דו וועסט זיי אליין אָפּשניַידן, טאטע, און דו וועסט זיי אליין צוריק צונייען...

יאָ. כ׳בין געזעסן אין אַ שולדיקלעך־נאַרישלעכער פּאָזע, געהאַלטן אַף די קני אונדזער זונדלס נײַ פּאַלטאָכל, וואָס ער האָט הײַנט אָפּגענומען אין שנײַדער־אַטעליע, און מעכילע צוריק צוגענייט צו דעם זײַנע, דעם זונדלס, פּירעקעכדיקע קנעפּ.

אַלגע האָט געלאַכט, און איך האָב אַ פּיר געטאָן די אויגן איבער אַלע ווינקעלעך פֿון אונדזער שטוב. כ׳האָב גאָרניט געזוכט. כ׳האָב פּאַשעט געוואָלט אַ קוק טאָן אַף אונדזער זונדלס פּידל־שטענדער, וואָס שטייט זיך אַזוי היימיש בײַ דער זײַט מיט אַ גרויסן, ברייטן, צעעפֿנטן בוך אַף זיך. כ׳האָב געוואָלט אַ קוק טאָן אַף אַלע איבעריקע ביכער מיט די קנאַקנדיקע בלעטער, וואָס ליגן אַף אונדזער זונדלס טישל, וואָס שטייען אין אונדזער זונדלס שרענקל — וואָס אַלע ווינקעלעך אין אונדזער שטוב זײַנען פֿול מיט זיי.

נאָטן. געוויינלעכע נאָטן, האַ? נע, ניט קיין געוויינלעכע. סוידעסדיק־זינגענדיקע קישעף־פּאַסיקלעך און קישעף־פּינטעלעך — און היימישע, אייגענע. אונדזער זונדלס. אונדזערע.

וואָס וואָלט, אַשטייגער, געשען, ווען עס עפֿנט זיך איצטער פּלוצעם אויף די טיר און עס בלײַבט שטיין אַף דער שוועל, מיטן שוואַרצן אַלמאָנעדיקן טיכל אירן אַפֿן קאָפּ, מיט די ווײַסע קלוגע האָר אירע אונטערן טיכל, די מומע דווירע?

— אַ גוטן־אָוונט, קינדער!

— אָ, אַ גוטן־אָוונט, אַ גוט־יאָר. קומט אַרײַן, מומע דווירע!

— ש־ש־ש... שטייט אַ ביסל! ווער שפּילט עס דאָרט? אײַ, שפּילט ער! ס׳ווייסט דען עמעצער, וויפֿל האַרץ ער לייגט אַהין אַרײַן?

נאָר דאָס קער זיך שוין ניט אָן צו די קנעפּ. און עפּשער קער זיך עס יאָ אַ ביסל אָן, האַ?

אַ מײַסע איז ניט שײַעך צו פּאַרטײַטשן. נאָר איך, געדענק איך, האָב אַ קוק געטאָן צו מײַן ווײַב און אַ זאָג געטאָן:

— זיצסט און לאַכסט און טוסט אפֿילע ניט קיין פֿרעג, וואָס פּלוצעם. וואָס פּלוצעם האָב איך זיי אָפּגעשניטן און וואָס פּלוצעם האָב איך זיי צוריק צוגענייט.

— וואָס זשע, איך קען דיך ניט? פֿריִער היצסטו זיך, אַקשנסט זיך, און דערנאָך ווערסטו ווייך, גוט, צו גוט.

— נאַרעלע, איך ניי דען קנעפּ? ס׳איז דען קנעפּ?
— ניין, ס׳איז העלפאַנדן. נייסט העלפאַנדן!..
— בא אונדז איז דאָס פּאַשעט קנעפּ. און בא אים איז דאָס שיינקייט. פאַרשטייסט? שיינקייט!
— נו, יאָ. א נײַס. ער האָט דאָך עס אליין געזאָגט.
— טאקע א קליינינקייט, א גאַרניט, א טראָפּנדל, נאָר א טראָפּנדל שיינקייט. און אז ער שטעלט זיך אזוי, דער באַ־כער, פאַר שיינקייט, וויל ניט נאָכגעבן קיין איין טראָפּנדל, איז זאָל ער זיי טראָגן, די קנעפּ! זאָל מען זאָגן, וואָס מ׳עט זאָגן!
— האָסט זיך ערשט קוים דערמאָנט.
— כ׳בין אזוי געזעסן און עס מיר פּאוואָלינקע ארומ־געקלערט.
— באם נייען, הא? ניט אומזיסט זאָגט מען, אז ווען שניידערס זאָלן ניט זײַן קיין שניידערס, וואָלטן זיי געווען פילאָסאָפן!
האקיצער, איך האָב באהאלטן אין שופלאָדל דאָס קלעצל פּאָדעם, די נאָדל, צונויפגענומען פונעם פּאָל די שטיקלעך באוועלעך; מײַן ווײַב האָט א כאַפּ געטאָן דאָס פּאַלטאָכל אף די אקסל, א דריי געטאָן זיך דערמיט קעגן שפּיגל; און ביידע אינײנעם האָבן מיר, ווי מיט איין קאָל, א זאָג געטאָן:
— א שיין פּאַלטאָכל, ווי גאָלד. זאָל ער עס טראָגן גע־זונטערהייט, און זאָל ער עס צערײַסן געזונטערהייט!

מײַן ערשטע ליבע

מילכאָמע־צײַט זײַנען מיר, איך און די מאמע מײַנע, גע־ווען עוואקויִרט אין א ווײַטן אוזבעקישן קישלאַק. א קליין דערפל צווישן בערג. ווײַט פון א באַן, ווײַט פון א שטאָט. און אוואדע זייער ווײַט פון דאָרט, וווּ עס זײַנען געגאנגען אף טויט און אף לעבן די שלאכטן מיט די פאשיסטן.
איך און די מאמע מײַנע. דער טאטע איז געווען אפן

פראַנט. ס׳הייסט, ער איז שוין דעמלט אינגאנצן ניט געווען. ער איז שוין געהאט אומגעקומען ערגעץ לעבן אַדעס. נאָר מיר האָבן זיך עס ערשט דערוווסט שפּעטער, אין א פּאָר יאָר ארום.

כ׳בין דעמלט אלט געווען צוועלף יאָר. א קליין מיידעלע. די מילכאָמע איז שוין געגאנגען עטלעכע כאדאָשים. מעג־לעך, אז אזעלכע עטלעכע כאדאָשים מאכן א קליין מיידעלע מיטאמאָל גרויס. אלקאָלפּאָנעם, גרעסער.

ווען די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן, בין איך פּונקט אריבער אין פערטן קלאס. און אָט איז שוין סענטיאבער. עס זײַנען שוין אוועק די זומער־קאניקולן. מע הייבט שוין אָן לערנען. און איך לערן ניט. איך ארבעט מיט דער מאמען אפן פעלד.

ס׳איז אונדז געווען זייער שווער. מיר האָבן אָפּט צוגע־הונגערט. ביכלאָל איז דעמלט אינעם דאָזיקן קישלאקל גע־ווען שווער. ביפראט אונדז, אָנגעקומענע. בייסן עוואקוירן זיך, אפן וועג, האָט מען אונדז עטלעכע מאָל באָמבירט. דער וואגאָן אונדזערער האָט אָפּגעברענט מיט אלע אונדזערע זאכן. מיר זײַנען ארויס הויל און בלויז, אין די איינע העמדער, ווי מע זאָגט. נאָך א נעס, וואָס מיר זײַנען אליין געבליבן לעבן.

ווינען האָבן מיר געוווינט אין א קליין קיביטקעלע. א שטיקל שײַבל ערגעץ אויבן לעבן דער סטעליע איז דאָס איינציקע ביסל שײַן אין שטוב. א פּאָר פּאָליצעס אף די ווענט, א ליימענער טאָפּטשאן, א מין אוזבעקישער פּריפּעטשיק אין א ווינקל — דאָס איינציקע מעבל.

דאָס גאנצע קישלאקל איז באשטאנען פון אזעלכע־אָ פּלא־טשיקע פּירעקיקע קיביטקעס, אָן דעכער, ליימענע, געלע, אָנ־געדרוקטע איינס אפן אנדערן בערגל־אראָפּ, בערגל־ארויף, ווי קעסטלעך אויסגעלאָדענע און צעוואָרפן־איבערגעלאָזטע ער־געץ אינמיטן פעלד, צווישן בערג ארום און ארום.

פארנאכט נאָך דער ארבעט עסן מיר אָפּ אן אוזבעקיש פּלעצל, פארטרינקען מיט א טעפּל אָקרעפּ און לייגן זיך שלאָפן אפן ליימענעם טאָפּטשאן, אונטערגעשפּרייט מיט די צוויי קאָלדרעס און צוגעדעקט מיט די צוויי וואטאָווע טשאָ־פּאנען, וואָס דער קאָלווירט האָט אונדז דאָ ארויסגעגעבן.

לערנען לערן איך ניט. ניט נאָר דערפאר, ווײַל איך אר־

בעט מיט דער מאמען אפן פעלד, נאָר אויך דעריבער, ווײַל די איינציקע שול אין קישלאַק איז אַן אוזבעקישע.
די מאמע זאָגט:
— נישקאַשע, טעכטערל. אַז דו ווערסט נאָר ווען, וועסטו נאָך טאָמיד אָניאָגן... ס'ט פאַרלירן א יאָר־צוויי. נו, איז וואָס? זעסטעך. ס'איז מילכאָמע. מענטשן פאַרלירן די לעבנס. ס'א שווערע צײַט, קינד מײַנס. אַרבעטן און העלפן דעם פראָנט איז איצטער בילכער, ווי לערנען!..
די מאמע איז טאַקע עפּשער גערעכט. נאָר מיך נאָגט עפּעס א מעסוקענע בענקשאַפט. ס'איז מיר שטאַרק אומעטיק אפן האַרצן. אַז איך הער, ווי עס טוט א קלונג דאָס גלעקל אין שול, כאַפּט מיך אַזש אַן א געוויין. ווו זײַנען ערגעץ אַלע מײַנע כאַווערטעס פונעם קלאַס? איז כאַלילע גאָרניט געשען מיט דער לערערן אונדזערער, מיט עספּיר יאָסיפּאָוונען? כ'האָב מיר גאָר קיינמאָל ניט פאַרגעשטעלט, אַז ס'איז אַזוי גוט, ווען מע לערנט. אַז כ'וועל אַזוי־אַ שטאַרק בענקען נאָכן לערנען.
— גוט, — זאָג איך, — מאמע, אויב אַזוי, פאַרוואָס זשע לערנען דאָ די קינדער יאָ? פאַרוואָס גייען זיי אויך ניט אַלע אַרבעטן אפן פעלד?
— ערשטנס, — ענטפערט מיר די מאמע, — צו די היגע מענטשן קאָנען מיר זיך ניט גלײַכן. זיי האָבן נאָך ניט געפילט אַזוי די מילכאָמע, ווי מיר האָבן זי געפילט. צווייטנס, האָסטו דאָך אַליין געזען: א גאַנצן זומער האָבן די קינדער געאַרבעט אפן פעלד אינײנעם מיט די גרויסע. דריטנס, לערנען זיי דאָך אוזבעקיש. ווען דו קענסט אוזבעקיש, וואָלסטו אויך געלערנט. ווער זאָגט דען, אַז ניין?
— כ'קען שוין א סאַך ווערטער, מאמע!..
— ע, וואָס קענסטו? וויפל קענסטו?
— וואָס איך קען, קען איך. אַז כ'וועל לערנען, וועל איך מערער קענען.
— נו, גוט, — האָט די מאמע געזאָגט, — מירן זען שפּעטער. ווינטער־צו. סײַווי־סײַ הייבן דאָ אָן, זאָגט מען, שפּעטער גיין רעגנס.
און אַזוי איז געווען. אינגיכן נאָכן אָקטיאַבער־יאָמטעוו האָבן אָנגעהויבן מאַראַקען דריבנע רעגנדלעך. די מאמע האָט מען געשטעלט אַרבעטן אין אַמבאַר באַם רייניקן דעם ווייץ.

קיין סאך מענטשן האָט מען בעמיילע ניט געדארפט, און איך האָב אָנגעהויבן גיין אין דער אוזבעקישער שול.

כ׳האָב מיר אויסגעפלאָכטן פון די האָר, פונקט ווי די אוזבעקישע מיידעלעך, אָן א שיר דין־דינינקע צעפּעלעך. די אוזבעקישע מיידעלעך האָבן מיך ארײַנגענומען אינדערמיטן, געטוליעט זיך צו מיר, געהאלטן מיך די גאנצע צײַט ארומגענומען. נאָר אלציינס בין איך די ערשטע טעג געזעסן, ווי א פרעמדע. עפּעס ווי א מין טויב־שטום קינד. ניט כ׳האָב פארשטאנען, וואָס דער לערער האָט גערעדט, ניט כ׳האָב געקענט ענטפערן, וואָס דער לערער האָט געפרעגט.

דער לערער אונדזערער האָט געהייסן אבדוראכמאן אוסמאנאָוו. אָט וועגן אים טאקע דערצייל איך.

ער איז געווען זייער א יונגיטשקער, אן איידעלינקער. ווי אלע אנדערע לערער, האָט ער געטראָגן א טיובעטייקע אפן קאָפּ, איז געגאנגען אָנגעטאָן אין א פארביק־פּאסנדיקן אוזבעקישן טשאַפּאַן. נאָר אויסגעזען האָט ער עפּעס ניט ווי קיין לערער, נאָר ווי ער וואָלט אליין געווען א שילער, א שילער פון די העכערע קלאסן.

ער איז געווען זייער א שעמעוודיקער, די כעוור־ע פלעגן זאָגן, אז ער שעמט זיך צו שטעלן עמעצן א צוויי.

אז א שילער פלעגט אמאָל קומען מיט ניט־צוגעגרייטע לימודים, פלעגט ער א נעם טאָן דעם שילערס העפט אין די הענט, א דריי טאָן אים אהער, אהין, און ער, דער לערער אליין, פלעגט, דאכט זיך, רויט ווערן, ניט דער שילער.

פאר ניט־צוגרייטן די לימודים פלעגט ער קיינמאָל ניט באשטראָפן, קיינמאָל ניט שרײַען. ביכלאל האָט מען, דאכט זיך, קיינמאָל קיין הויך וואָרט זײַנס ניט געהערט. און א שיינע זאך: אין קלאס איז מען דאפקע געזעסן שטיל. זעלטן פלעגט עמעצער קומען מיט ניט קיין געמאכטע אופגאבעס. אפשר, טאקע ווײַל ער איז געווען אזא ווייכער, אזא גוטער, אן איידעלער, האָבן די קינדער ניט געהאט קיין האַזע טאָן אים קאפּויר, ווי קינדער האָבן בעטעווע ליב צו טאָן. פאַ״קערט: אויב מע קאָן יאָ טאָן, וואָס מע וויל, וועט מען דאפקע טאָן נאָר דאָס, וואָס מע ;'ארף.

צווישן די לערער פלעגט ער זיך אויך אומדרייען שעמעוודיק, אניוועסדיק. די לערער פלעגן, אפּאָנעם, אמאָל א

לאָך טאָן פון זײַן איבערגעטריבענער אניוועס. אנדערש קאָן דאָך ניט זײַן. אין קישלאַק האָב איך אַמאָל געהערט א זאָג טאָן, אז אבדוראכמאַן איז פון יענע מענטשן, וואָס ווייסן ניט, ווי צו לעבן אױף דער וועלט: א ווײַב וועט אים אָפּדרייען דעם קאָפּ, ארומדרייען ארום פינגער.

מיך פלעגט ער אירצן. ס'איז מיר א ביסל אויסגעקומען קאָמיש: א קליין צוועלפיאָריק מיידעלע זאָגט מען שוין „איר". און ס'האָט מיר, פארקערט, אויך אזש א טיאָכקע געטאָן אין הארצן: קיינער אין דער וועלט האָט מיר נאָך ביז דעמלט ניט געזאָגט „איר".

אין א פּאָר טעג ארום נאָך דעם, ווי כ'האָב אָנגעהויבן גיין אין שול, שטיי איך אזוי פארנאַכט אױף דער שוועל פון אונדזער קיביטקע און דערזע פלוצעם, ווי אוסמאַנאָוו שפּאַנט גלײַך צו אונדז אהער.

— מאמע, — האָב איך א געשריי געטאָן, — דער לערער גייט צו אונדז!

— וואָס פאר א לערער?

— מײַן לערער. אבדוראכמאַן אוסמאַנאָוו.

— ער פעלט מיר אויס צו די צאָרעס, — האָט די מאַמע זיך געבייזערט. — וואָס איז פלוצעם? ווו וועל איך אים באזעצן ווו? מיט וואָס וועל איך אים מעכאַבעד זײַן? ווייסטער, בא זיי איז א מינהעג, אז מע דאַרף א מענטשן מאַכניס-אורעך זײַן. ט'האָסטו דיר־אָ!

פונדעסטוועגן האָט זי זיך גיך א וויש געטאָן די הענט אין קליידל, פאריכט דאָס טיכל אפן קאָפּ און דעם לערער מיט גרויס קאָוועד ארײַנגעבעטן אין קיביטקע ארײַן:

— זייער אָנגעלייגט. קומט ארײַן. קומט ארײַן. יאַכשי מי סיז. וואָס ט'איר עפּעס זאָגן גוטס, טאָווארישטש אוטשיטעל?

אוסמאַנאָוו האָט, ווי זײַן שטייגער איז, צוערשט זיך א רויטל געטאָן, שעמעוודיק, מיט אראָפּגעלאָזטע אויגן צוגעשמייכלט און אױף זײַן אוזבעקישן רוסיש א זאָג געטאָן:

— נעמנאָשקא דאָטשקא אוטשיט בודו, זדיעס, קיביטקע![1]

---

[1] כ'וועל א ביסל אײַער טאָכטער לערנען, דאָ, אין קיביטקע.

אזוי־אַ פֿלעגט ער אַלע פֿאַרנאַכט קומען צו אונדז. אין שטוב איז שוין דעמאָלט געווען אַ שטיקל טישל. אַ שפּיגעלע איז געהאַנגען אויף דער וואַנט. אויף די פּאָליצעס זײַנען שוין געשטאַנען אַ פּאָר טעלער, עטלעכע פּיאַלעס. די מאַמע פֿלעגט אָנצינדן דעם קאַנעץ, מיט עפּעס פֿאַרשפּרייטן די לײמענע סאָפּקע, צורוקן צו דער סאָפּקע דאָס טישל. איך און דער לע־רער פֿלעגן זיך אַוועקזעצן באַם טישל, און די מאַמע פֿלעגט זיצן בײַ דער זײַט, אונטערגעשפּאַרט דאָס פּאָנעם מיט ביידע הענט, צוהערן זיך, ווי דער לערער לערנט מיט מיר, און צו־שאָקלען מיטן קאָפּ. דערנאָך פֿלעגט זי אָפּן אוזבעקיִשן „טאַנ־דער" לייגן פֿײַער, אופֿשטעלן דעם טשײַניק אויף טיי, און ביז מיר פֿלעגן אַלע דרײַ אײַנעמען ניט אויסטרינקען צו קיין פּיאַ־לע טיי, אָן צוקער, פֿאַרשטייט זיך, פֿלעגט זי אוסמאַנאָוון ניט אַוועקלאָזן.

— אוי, אַ טײַערער אוסמאַנאָוו! — פֿלעגט די מאַמע טאָ־מיד איבערכאַזערן איינס און דאָס זעלבע. — דאָס בענימעס־דיקײַט. דאָס שטילקײַט. קיין קרומער קוק ניט, קיין הויך וואָרט ניט. כ'ווייס נאָר ניט, ווי ער פֿירט דאָרט דעם קלאַס? צי לערנט ער מיטן קלאַס, צי לערנט דער קלאַס מיט אים? צו הײַנטיקע קינדער דאַרף מען דאָך האָבן אײַזערנע קויכעס.

אין עטלעכע כאָדאָשים אַרום האָב איך גערעדט אוזבע־קיש, ווי אַ געבוירענע אוזבעטשקע. פֿאַרשטייט זיך, אַ דאַנק דעם לערערס לערנען מיט מיר, אַ אַ ביסל אַדאַנק דעם, וואָס איך פֿלעג שאָענווײַז פּלאַפּלען מיט די אוזבעקישע מיידעלעך. וויאַזוי עס זאָל ניט זײַן, אין קלאַס בין איך איצט געזעסן פֿרײַ, אַקוראַט ווי אינדערהיים, גלײַך ווי איך וואָלט גאָר קיינמאָל ניט געלערנט אַנדערש.

און אין עטלעכע כאָדאָשים אַרום, ערגעץ מײַ־צײַט, דאַכט זיך, האָט זיך אוסמאַנאָוו פּלוצעם אין אַ גאַנצפֿרי געזעגנט מיט אונדז: מע רופֿט אים אין דער אַרמיי, אויפֿן פֿראָנט.

דער גאַנצער קלאַס האָט אים, פֿאַרשטייט זיך, אַרויסבאַ־גלייט אַרויס דעם קישלאַק. ער איז אַוועקגעפֿאָרן. אָנגעהויבן לערנען מיט אונדז האָט אויך אַ יונגיטשקע לערערן, אויך אַ גוטע, און איינפֿאַכע. נאָר סײַ איך, סײַ די מאַמע מײַנע האָבן טאָג און נאַכט ניט אופֿגעהערט ריידן וועגן אוסמאַנאָוון. די מאַמע האָט עפּשער נאָר גערעדט. איך האָב וועגן אים אַ

גערעדט, אי געטראכט. נאָר וועגן טאַטן אונדזערן אַף דער מילכאָמע האָבן מיר אַזויפיל גערעדט און געטראכט.

— אײַ, דאָס איז עס... ער'ט דאָרטן פאַלן, ווי א פליג...

— גיי, מאַמע, פאַרוואָס זאָלסטו אַזוי זאָגן? דאָרט זײַנען דען אַלע גיבוירים, ריזן?

— א שיינער פאַרגלײַך. דאָס איז דאָך הוילע נעשאָמע. א בלאָז. א הויך. א סאַמעט פעדערל. און מע דאַרף עפּעס דאָרטן זיך אויסטויגן אויך. ער האָט דאָך קיין הויכן געשריי ניט געקענט טאָן. וואָס זשע, עפּעס אַזוי־אָ?..

— ווּעסט זען, מאַמע. ער וועט דאָרטן שלאָגן היטלערן, פּונקט ווי אַלע. און ער וועט נאָך צוריק אַהיימקומען גלײַך מיט אַלע.

מיר האָבן דעמלט ניט געוווּסט, צי דער טאַטע איז נאָך דאָ, צי ער איז שוין נישטאָ. מיר פלעגן אַפילע אויסמײַדן אָפּן ריידן דערפון. און אַזא שמועס וועגן פאַלן אַפּן פראָנט, וועגן אומקערן זיך א גאַנצער, כאָטש ער איז געווען וועגן אוס־מאַנאָוון, האָט שטילערהייט, פאַרשטייט זיך, מער געמיינט דעם טאַטן, ווי אוסמאַנאָוון.

די מאַמע האָט מיט דער צײַט אינגאַנצן אופגעהערט ריידן וועגן לערער. איך, פאַרקערט, האָב איצט, ווען ער איז ניט געווען, וואָס א מאָל מער אין אים זיך דערמאָנט. כ'ווייס ניט פאַרוואָס, ער פלעגט זיך מיר באַנאַכט כאָלעמען. און כאָלע־מען זיך מיר טאָמיד אײנײנעם מיטן טאַטן. מיר האָבן שוין דעמלט געוווּסט אין קישלאַק וועגן אַלע רעציכעס, וואָס דער דײַטש האָט אָנגעטאָן. אײנמאָל האָב איך געזען, ווי דײַטשן פירן זיי ביידע. דער טאַטע איז אַלט, גראָוו, אײַנגעבויגן, צע־בראָכן, ניט צו דערקענען. אוסמאַנאָוו איז אײַנגעשרומפן, אײַנ־געדאַרט, אויסגעמאַרכעוועט און זעט אויס, ווי א קליין יינגל. אײנמאָל האָב איך זיי ביידע געזען הענגען אײנער לעבן אַנ־דערן. כ'האָב אָנגעהויבן שרײַען פונעם שלאָף, אופגעוועקט די מאַמע, און ס'איז מיר אַזש געווען סטראַשנע דעם כאָלעם צו דערציילן.

אין שול פלעגן אָנקומען בריוו פון אוסמאַנאָוון. די לע־רערן פלעגט זיי אונדז לייענען. מיר פלעגן אים מיט איר אי־ניינעם אַלע ענטפערן. דערנאָך איז אַוועקגעגאַנגען עפּשער א האַלב יאָר און ס'איז פון אים ניט געווען קיין שום יעדיִע. אַפּן

פראָנט איז דעמלט געגאנגען זייער שווער. ווער האָט דען דאָרטן איצטער א פרײַע מינוט צו שרײַבן בריוו? — פלעג איך טראכטן. און כ'פלעג אָבער אויך טראכטן: ווער ווייסט?.. עפשער?..

ס'האָט זיך מיר אויסגעדאכט, אז אין אונדזער גאנצן קלאס און אפילע אין גאנצן קישלאק טראכט וועגן אונדזער לערער נאָר איך אײנע.

און אפילע דאָס האָט מיר ווי געטאָן פאר אוסמאנאָוון.

און פלוצעם, מאָלט אײַך, אין אײנעם א פרימאָרגן האָט דער גאנצער קישלאק אָנגעהויבן גיין כאָדאָראָם. ס'איז אָנגעקומען א טעלעגראם אהיים צו אוסמאנאָוון, ס'איז אָנגעקומען א טעלעגראם אין דאָרפראט. אלט און יונג זײַנען ארויס אין דרויסן. ס'האָט זיך געראשט בא יעדער קיביטקע. די אוזבעקן האָבן אף זייער שטייגער, איין מאָל און נאָך א מאָל ארומנעמענדיק זיך, איינער דעם אנדערן באגריסט. דער שול־דירעקטאָר אונדזערער האָט צונויפגענומען אלע קלאסן און מודיע געווען דאָס נײַס.

אפן אנדערן טאָג איז אין די טאשקענטער צײַטונגען געווען אָפגעדרוקט אוסמאנאָווס פאָטאָגראפיע. פונקט אזא־אָ, ווי מיר האָבן אים אלע געקענט: מיטן זעלבן שעמעוודיקן שמייכעלע אפן פּאָנעם.

אפן בילד איז געשטאנען א סאָלדאט מיט א פילאָטקע אפן קאָפּ אפן אָרט פון א טיובעטייקע, מיט א סאָלדאטסקע גימנאסטיאָרקע אפן אָרט פון דעם פאסנדיקן טשאָפּאן. נאָר פונקט אזא־אָ, ווי מיר האָבן אים געקענט, גלײַך ווי אָט שטייט ער אזוי און הייבט זיך באלד אָן רויטלען, וואָס ער דאַרף עמעצן שטעלן א צוויי.

די צײַטונגען האָבן באשריבן, וויאזוי דער לערער אבדוראכמאן אוסמאנאָוו איז געוואָרן א העלד פונעם סאָוועטנפארבאנד. די דײַטשן האָבן געוואָרפן אין אונדזערע אָקאָפּעס גראנאטעס, און אוסמאנאָוו האָט זיי אײנע נאָך דער אנדערער געכאפּט אין די הענט ארײַן, צוריק געוואָרפן, און די גראנאטעס האָבן קעסיידער אופגעריסן דאָרט, בא די דײַטשן.

דער קישלאק האָט געראשט. עפשער א כוידעש דורכאנאנד האָט מען גערעדט, דערציילט, געפרייט זיך, געכידעשט זיך. אלט און יונג. קינד־און־קייט...

— הער־הער, וואָס עס טוט זיך אָפּ!

גיי ווייס, אז פון אזא פראָסטקייט און באשיידנקייט, אזש בין שעמעוודיקייט, קאָן זיך אמאָל א צי טאָן א גלייכער וועג צו אזא דרייסטקייט, צו העלדישקייט.

די מאמע מיינע, אף איר שטייגער, פארשטייט זיך, אויך:

— הער, וואָס אזא־אָ שוואך לערערל קאָן געבן א טו אוף!.. דער מענטש איז טאקע, אפאָנעם, שוואכער פון א פליג און שטארקער פון שטאָל... אוי, א טייערער אוסמאנאָוו, א טייערער!..

איך בין אומגעגאנגען און געטראכט, אז דער יאָמטעוו איז מיינער. שטילערהייט, קיינער זאָל ניט זען, פלעג איך זיך ערגעץ אוועקזעצן, צענעמען די צייטונג און קוקן און קוקן אפן לערער. כ'פלעג פילן, ווי עס טוט מיר אזש אלעמאָל א טיאָכקע אין הארצן: קיינער האָט מיר נאָך קיינמאָל ניט געזאָגט „איר“. כ'האָב אים כאָטש נאָך איין מאָל געוואָלט זען, הערן.

אין א טאָג האָט זיך צעטראָגן א קלאנג, אז דער קישלאק גרייט צו א גרויסן „טוי“[1]. אוסמאנאָוו קומט צו פאָרן אף א פאָר טעג אהיים פונעם פראָנט. מע וועט אים ברענגען צו פירן מיט פאראד פון טאשקענט. נאָר קיין גרויסער „טוי“ איז אין קישלאק ניט געווען. אוסמאנאָוו איז אָנגעקומען אָן שום פאראד. ער האָט פארבראכט בא די עלטערן זיינע איין האלבן טאָג און איז אף מאָרגן צוריק אוועקגעפאָרן. מ'האָט דערנאָך דערציילט, אז ער האָט געזאָגט, אז ס'איז איצטער נאָך ניט די צייט ניט פאר קיין „טויען“ און ניט פאר קיין פאראדן.

מיט די אוזבעקישע מיידעלעך, מיט די כאווערטעס מיינע, האָבן מיר זיך געדרייט ארום אוסמאנאָווס עלטערנס הויף.

דער הויף איז געווען פול מיט מענטשן. ניט ארייננצושטופן זיך אפילע אהין. כ'בין, פונדעסטוועגן, שפעטער, פאוואָלינקע, אף דער ערד, דורכגעקראָכן דורך די מענטשן און זיך צוגערוקט צו דער טיר. כ'האָב זיך אופגעשטעלט אף די פיס. עמעצער האָט אָנגעשריגן אף מיר. עמעצער האָט מיך א הייב געטאָן אינדערלופטן. אין שטוב איז מען געשטאנען קאָפ אף קאָפ. מעגלעך, ס'האָט זיך מיר אויסגעדאכט, אז איך זע אים.

---

[1] א סימכע (אוזבעקיש).

מעגלעך, כ׳האָב אים טאַקע אין יענער רעגע דערזען: אַזוי־אַ, אָן אָנגעטאָנענעם אין דער גימנאַסטיאָרקע, מיט דער פּילאָט־קע אויפן קאָפּ. ווי עס זאָל ניט זײַן — געזען האָב איך אים צום לעצטן מאָל.

אין אָנדערהאַלבן יאָר אַרום — מיר האָבן שוין דעמלט געהאַט באַקומען די יעדיע וועגן טאַטן — האָט מען אין קיש־לאַק באַוויינט אוסמאַנאָוון.

קיין „טוי", קיין יאָמטעוו האָט ער ניט געלאָזט, מע זאָל אים מאַכן, נאָר אַזויפיל טרויערן איז קיינער ניט געווען, ווער עס זאָל פאַרוועהרן. דער גאַנצער קישלאַק האָט געוויינט. ווײַ־בער האָבן זיך, לויטן אוזבעקישן שטייגער, צעדראַפּעט די פּנימער. מ׳האָט געקלאָגט לעבן יעדער קיביטקע. איך און די מאַמע זײַנען, פאַרשטייט זיך, אויך ניט געזעסן און גע־שוויגן.

אינגיכן זײַנען מיר מיט דער מאַמען אַהיימגעפאָרן. די מילכאָמע האָט זיך אינגיכן געענדיקט. איך בין שוין געווען אַ גרויסע, אַ פּופּצניאַריקע. כ׳בין אַריבער אין אַכטן קלאַס. די מאַמע האָט מיר אַ זאָג געטאָן:

— נו, טאָכטער מײַנע, ווײַטער דאַרף מען טראַכטן וועגן טאַכלעס. מע דאַרף אַ טראַכט טאָן וועגן אַ פּראָפעסיע, אַ פאַך אין לעבן.

— איך האָב שוין לאַנג אַ טראַכט געטאָן... — האָב איך געענטפערט.

— האָב קיין פאַריבל ניט, קינד מײַנס, פאַרשטייסט דאָך אַליין...

— ניין, מאַמע. פאַרקערט. כ׳האָב שוין אַפילו גערעדט דערפון. איך וועל אי אָנהייבן אַרבעטן, אי ווײַטער לערנען. כ׳וועל ווערן אַ לערערן, מאַמע...

— ווער, וואָס דו ווילסט...

— אַ לערערן. אין די קלענערע קלאַסן...

— ווער, וואָס דו ווילסט, קינד. און וואָס דו וועסט ניט ווערן, זאָל מען דיך טאָמיד נאָר ליב האָבן, זאָלסטו אומעטום נויטע־כיין זײַן. דאָס איז אין לעבן דאָס סאַמע גלאַוונע...

די מאַמע מײַנע איז שוין הײַנט אַן אַלטיטשקע ייִדענע. דאָס דעמלטיקע קליינע מיידעלע איז שוין עטלעכע יאָר אַליין אַ מאַמע.

עטלעכע יאָר א מאמע און שוין באלד צוויי צענדליק יאָר א לערערן...

ניט טאָמיד, פארשטייט זיך, בין איך נויסע־כיין בא מײַנע שילער, ווי יענער יונגיטשקער לערער מײַנער אין יענעם ווײַטן אוזבעקישן קישלאקל, אבדוראכמאַן אוסמאנאָוו, האָט נויסע־כיין געווען. ס׳איז ניט אזוי גרינג צו זײַן, ווי אוסמא־נאָוו. נאָר טאָמיד טו איך אלצדינג, אז מײַנע שילער זאָלן כאָטש וועלן זײַן, ווי ער איז געווען.

אז עס טרעפט זיך מיר אמאָל א שווערער קלאס, — כעוורע ווילן דיך אי ניט פארשטיין, אי אפילע ניט גוט אויס־הערן, — פאלט מיר פלוצעם אײַן א זאָג טאָן, אז אָט וועל איך דערציילן די געשיכטע וועגן מײַן ערשטער ליבע. נו, ווער וויל ניט הערן וועגן קיין ערשטער ליבע?

כ׳הייב אָן דערציילן. דער אוילעם, זע איך, זיצט און שווײַגט, זיצט און הערט. ס׳איז שטיל. גלײַך ס׳איז גאָר אזא זאך, ווי ראש, ניט פאראן.

דערנאָך, פארשטייט זיך, איז מען א ביסל ניט צופרידן. ניט דאָס האָט מען געמיינט. הא? ס׳איז גאָר מער א געשיכטע וועגן ליבשאפט, ווי וועגן ליבע. וועגן באשיידנקײַט, ווי וועגן ליבשאפט. וועגן דרייסטקײַט, ווי וועגן באשיידנקײַט.

נאָר סײַוויסײַ — אין קלאס איז שוין שטיל. כ׳פיל די שטילקײַט ארום און ארום צווישן די בענק, אף די ווענט. אזא איידעלע פארטראכטע שטילקײַט!

אָט ווי איצט.

יאַנינא און די כּײַע [1]

...ווען דו האָסט געלעבט, יאַנינא, האָב איך קיין בריוו צו דיר ניט געשריבן. כ'קאָן זיך איצט פֿאַרטיידיקן, אַז צו אַזאַ, ווי דו, וואָלט איך געדאַרפֿט שרײַבן אַנדערש ווי צו אַלע פֿרײַנט מײַנע און כ'האָב ניט געוווּסט וויאַזוי; אָדער — און דאָס איז שוין באַגלייבטער און ס'דערנעענטערט זיך מער צום עמעס: כ'האָב ניט געהאַט דײַן אַדרעס. געוווּסט, צו וועמען, אָבער ניט געוווּסט, וווּהין דיר צו שרײַבן. פֿון דײַן פּאַלאַצל מיט די רויט־פֿאַרבאַקענע ציגל אין זאַקרעט, וואָס באַם הויכן ברעג פֿון דער ווילִיע, ביסטו גלײַך נאָך אונדזער באַגעגעניש, ווען די מילכאָמע האָט זיך געענדיקט, נעלעם געוואָרן[2]. כ'האָב געהערט, געפֿינסט זיך אין קראָקע. מ'האָט דערציילט, ביסט אַרײַן אין אַ מאָנאַסטיר, געוואָרן אַ נאָנע. די וואָר האָב איך ניט געוווּסט. איצט ווייס איך די וואָר: ניטאָ מער יאַנינא. איצט ווייס איך דײַן אַדרעס: ווו ס'באַגעגענען זיך אַלע מענטשן־קינדער אַף זייער ראַנדעוווּ.

אַ טשוקע[3] איז מיך באַפֿאַלן, אַ פֿײַנלעכע גלוסטעניש צו דערציילן דיר דאַפֿקע איצטער, וואָס דו ווייסט אַליין. כ'וואָלט געקאָנט דערציילן אַנדערש: בלויז מיט די ליפּן, און קיינער זאָל ניט הערן, בלויז דו. כ'וואָלט געקאָנט אַרײַנוואַרפֿן אין זי־קאָרן[4] מײַנעם, ווי אַן איידלשטיין אין אַ גלאַטן טײַך, בלויז איין צעצויגענעם קלאַנג: יאַ־ני־נאַ, און די רינגען פֿון זײַן

אווראָם סוצקעווער (געב. אין 1913) — באַוווּסטער יידישער שרײַבער, הויפּט־רעדאַקטאָר פֿונעם יִסראָעלדיקן זשורנאַל „די גאָלדענע קייט".

ראַדיאַציע וואָלטן דערשוווּמען צו דײַן גײַסט... איך קאָן זיך אָבער ניט אויסהיילן פֿון מײַן לאַנגיאָריקער פּאַפּיר־שיקרעס[5]. אַ גוטער מאַלען[6] וועט זײַן דער פּאַטשטאַליאָן און דיר ברענגען אָט דעם בריוו אויף דײַן יענוועלטיקן אַדרעס.

ס׳איז געווען, לאָמיר אָנרופֿן די ערדישע דאַטע, אַפּרעל נײַנצן דרײַ און פֿערציק. דער שטראָם פֿון צעשמאָלצענעם שניי האָט ניט געקאָנט בײַטן זײַן ריכטונג און האָט זיך געצויגן פֿון די פֿאָנאַרער בערג אין טאָל אַרײַן. און אַזוי האָט אויך דער מענטשן־שטראָם ניט געקענט בײַטן זײַן ריכטונג און זיך געטראָגן מיטן קויער[7] פֿון אַ נאַטור־געזעץ אַראָפּ־אַראָפּ אין טאָל אַרײַן.

בײַ מײַן רעכטער זײַט האָט אין שטראָם זיך געטראָגן צערנע. פֿון רוקזאַק אויף איר פּלייצע האָבן זיך אַרויסגעהויבן איבער איר קאָפּ די דרעמלענדיקע הענטלעך פֿון איר מיידעלע, געבוירן מיט אַ כוידעש צוריק. צערנעס האָר זײַנען געווען שוואַרץ־מאָל־שוואַרץ און מיט אַ שוואַרצן אָפּגלאַנץ, ווי אַ בלאַנקער כאַלעף[8] אין דער נאַכט.

בײַם פֿאַרבײַשווימען אַ געזעמל סאָסנעס, גאָר נאָענט פֿון דעם עלעקטרישן מאַלעכהאַמאָוועס[9], האָט צערנע אַ פֿאַריִעשטן[10] וואָרף געטאָן דעם רוקזאַק אין די ווייכע אָרעמס פֿון אַ קופּע שניי, וואָס די פֿרילינג־זון האָט בעקאַוואָנע[11] איבערגעלאָזן אונטער די צווײַגן פֿון די ביימער. כ׳האָב געהערט, ווי זי שעפּטשעט ניט־אומדרייענדיק צו מיר דאָס פּאָנעם:

— גאָט פֿון מײַן זיידן, באַשיץ מײַן פֿייגעלע.

דאָס גוואַלדיקע בילד הינטער די דראָטן פֿון דעם עלעקטרישן מאַלעכהאַמאָוועס וועל איך, יאַנינאַ, מאָלן אַן אַנדער צײַט: דעמלט, ווען מיר וועלן זיך באַגעגענען און אונדזער צײַט וועט זײַן די אייביקייט. אַצינד — אַ פּאָר ליניעס, ניט מער: ס׳פֿײַער האָט זיך אויסגעלאָשן איידער ס׳איז מיך באַפֿאַלן. צערנעס אָטעם, אָפּגעשיידט פֿון אירע ליפּן, האָט זיך געצויגן אַ וואָרעמער, אַ מילכיק־פֿרישער אין די בלויע לופֿט־קרישטאָלן. כ׳האָב זיך אַ הייב געטאָן, אַרײַנגעצויגן איר אָטעם

אין־זיך און איך ווייס ניט, ווען מעס פליגל זײַנען אף מיך אָנ־געוואַקסן און מיך פון דאָרט אוועקגעריסן.

באם געזעמל סאָסנעס, אין די יוייכע אָרעמס פון דער קו־פּע שנײַ, איז אומבארירט נאָך געלעגן צערנעס רוקזאק און אין אים — איר מיידעלע, געבוירן מיט א כוידעש צוריק. כ'האָב אים אָנגעטאָן ווי א פאנצער פארביידן און מיר איז געוואָרן ראכמאָנעסדיק[12] ווארעם.

כ'האב געשפאנט אָן מוירע איבערן שליאך צוריק אין שטאָט ארײַן. דער צעשמאָלצענער טריוואקס[13] פונעם שליאך איז געווען אָפּגעשטעמפּלט אין זײַן גאנצער לענג־און־ברייט מיט מענטשלעכע טריט. אלע אין דער פארקערטער ריכטונג.

כ'האָב געשפאנט — ווּהין? און צערנעס מיידעלע אין רוק־זאק — צו וועמען?

און דעמלט, יאנינא, האָב איך דערמאָנט זיך אין דיר און באם אופקלאנג פון דײַן נאָמען דערזען אונדז ביידן מיט עט־לעכע יאָר פריער, ווי איך באגלייט דיך אהיים פון ווילנער אוניווערסיטעט. דעם גאנצן וועג האָב איך געשוויגן פון הא־נאָע. ניט געוואָלט איבערײַסן דײַן אימפּראָוויזאציע וועגן מיצ־קעוויטשעס קרימער סאָנעטן. האָסט זיי פארגליכן צו שאָפּענס מוזיק. ניט צו זײַן וויגליד, צו זײַן בארקאראָלע, נאָר דאפקע צו זײַנע קורצע פּרעליודיעס, וואָס זײַנען שליימעסדיקע[14] וועלטן פאר זיך, קינסטלערישער און ספערישער פון זײַנע איבערגעלאָדענע קאָמפּאָזיציעס...

האָסט געלייענט אויסווייניק דעם סאָנעט „יאַם־שטילקײַט“:

Juz wstążke pawiloni wiatr zaledwie muśnie ,
Cichymi gra piersiami rozjasniona woda;
Jak marząca o szczęsciu narzeczona młoda
Zbugzi się, aby westchnąć, i wnet znowu uśnie. *

---

* דער ווינט קוים־קוים רירט אָן די סטענגע פון פּאַווילִיאָן, /עס אָטע־מען שטיל די בריסט פון אופגעלויכטענעם וואסער;/ ווי א יונגע קאלע באם כאָלעמען[15] פון איר גליק/ וואכט אוף, צו טאָן א זיפץ און באלד ווידער אײַנצושלאָפן (פּויליש).

האָסט מיך געוואָלט איבערצייַגן, אז ס׳איז די שענסטע ליד אין דער וועלט-פּאָעזיע, אז ניט „דזיאדי”, ניט „טאדעוש”, נאָר דאפקע אָט דער סאָנעט אין מיצקעוויטשעס קרוינווערק.

אז מיר זייַנען געקומען צו דייַן פּאלאצל אין זאקרעט, באם היכן ברעג פון דער ווי̇ליע, איז דער אָוונט שוין אראָפּגעהאנגען פון די דרייַ בעריאָזעס, פון זייערע צווייַגן באם טויער. האָסט געבעטן, כ׳זאָל ארייַנקומען און האָסט אינווייניק ניט אָנגעצונדן קיין ליכט. האָסט א פלאטער געטאָן צו דער פּיאנע און אויסגעביינדלט שאָפּענס א פּרעלי̇ודיע:

— אין זייַן מוזיק וואנדער איך אין מייַנע אייגענע אומקלאָרע געפילן, און אז איך קום צוריק פון דער ווארעמער, פרייד̇יקער בלאָנדזשעניש, — בין איך באשאָנקען מיטן פרישן לאָנקע-רייעך פון גאָט.

אצינד, מיטן רוקזאק אף דער פּלייצע, האָט די וואנדערשאפט מיך געבראכט צו דיר, צו דייַן אלטן פּאלאצל מיט די רויט-פארבאקענע ציגל.

די דרייַ בעריאָזעס באם טויער האָבן זיך געבויגן האכנאָעדיק,[16] ווי דרייַ געשמידטע קיניגן מיט פארזשאווערטע קרוינען.

ווידער ביסטו געזעסן בא דער פּיאנע און דייַנע איידעלע פינגער האָבן טפילע געטאָן איבער די קלאווישן.

כ׳האָב ארויסגעוויקלט פונעם רוקזאק צערנעס פארכאלעשט[17] מיידעלע און זי ארופגעטאָן אף דייַן שויס.

האָסט געלייענט מייַן פּאָנעם און אלץ פארשטאנען. דייַנע האָר זייַנען געווען צעפלאָסן און זייַנען אראָפּגעהאנגען איבערן בענקל. ארום שטערן האָסטו געטראָגן א רונדע זילבערנע דיאדעם מיט א רובין אינמיטן. אזוי שפּילט זיך א בליץ מיט א דערשראָקענעם רעגן.

זייַ מויכל[18], יאנינא, אין יענע דערהויבענע רעגעס בין איך באגאנגען לעגאבע[19] דיר א זינד. איך אָדער עמעץ אין מיר, נאָר ס׳איז דאָס זעלבע: אומגעריכט פאר מיר אליין האָט מיך א פיק געטאָן א שווארצער געדאנק: ווער ווייסט, קאָנסט האָבן כאראָטע[20] — און כ׳האָב האסטיק אויסגעברומט:

— יאנינא, געדענק, דעם קינדס מאמע האָט מען גערופן צערנע. — און כ׳בין אנטלאָפן.
יאָ, אנטלאָפן אָן א זײַ־געזונט, ווי א גאזלען פון זײַן גע־וויסן.

איך וועל דיר פרווון דערמאָנען, וואָס דו האָסט איבערגע־לעבט שפּעטער. און כאָטש די מערסטע פּראָטים האָסטו מיר אליין דערציילט און אנדערע האָב איך צוגעמאָלט און דער־געבן, דאָס איז געווען אין א יאָר ארום אין דעם זעלבן פּאַ־לאַצל דײַנעם, ווען איך בין ווידער צו דיר געקומען, איז איצט באַם שרײַבן דיר דעם בריוו, דאכט מיר, אז יענוועלטיקע בינען זשומען מיר אין מויער ארײַן די ווערטער, און אז ניט איך דערצייל דאָס, נאָר זיי, די בינען, און זיי לאָזן אין מיר איבער א ירושע דעם רויטן מאָן פון דײַן זיקאָרן:
אז צערנעס מיידעלע האָט אופגעוואכט אף דײַן שויס, האָט איר געוויין זיך צונויפגעמישט מיט דער שאָפּעניש פּרעליר־דיע, וואָס איז נאָך געהאנגען אינדערלופטן. און שוין האָט פון דער אנדערער זײַט פענצטער געסאָפּעט א כײַע. א הייזעריקע וואָיעניש געפלאָכטן מיט א מענטשלעך געלעכטער האָט זיך געקײַקלט פון איר פּיסק. האָסט אראָפּגעלאָזן די שטאָרן, פאַ־ריגלט די דעמבענע טיר, אויסגעבאָדן און אָנגעקאָרמעט דאָס קינד, אָפּגעזאָגט דעם אָוונט־געבעט, און מיטן קינד בא דער ברוסט זיך געלייגט שלאָפן.
נאָר די כײַע איז געווען וואכיק ווי דער טויט. אירע אויגן האָבן ארײַנגעגליט דורך די טיר־שפּאלטן. זי איז געשפּרונגען איבערן דאך, געפּײַפט אין קוימען און דער דינער נאכט־אײַז אין דרויסן האָט זיך געבראָכן אונטער אירע לאָקערנדיקע לאַפּעס.
די כײַע איז געווען אומעטום — אין די זעלבע רעגעס.

אף מאָרגן ביסטו אופגעשטאנען א געשטאַרקטע, א דער־הויבענע, האָסט דערציילט דער הויז־פרוי סאלאָמעא, אז דו

4*

האָסט געבוירן אַ קינד פון אַ געליבטן און זײַן מאַמע האָט דיר עס נעכטן געבראַכט. סאַלאָמעא האָט דיך ליב געהאַט מער ווי זיך, זי איז נאָך געווען דײַן אַם. געוויגט דײַן וויגל, זייער פרי ביסטו געבליבן אַ יעסוימע[21]. דײַן טאַטע, דער פּאַרעץ[22] קאַראָל שפּינאַק, איז דערהאַרגעט געוואָרן[23] פון זובערס בייס אַ געיעג אין דער ביאַלאָוועזשער פּושטשע. דײַן טאַטנס אַ בו־זעם־פרײַנט, אַ פּאַרשוין מיטן נאָמען קאָטלאַ, וואָס זײַן ראָליע בייסן געיעג אַף די זובערס איז דיר זייער פּאַרדעכטיק, איז גלײַך נאָך דער געשעעניש אַנטלאָפן מיט דײַן מאַמען קיין איטאַליע. פון דאָרט פלעגט זי דיר שיקן געלט, און סאַלאָמעא האָט דיך געפּילנעוועט[24].

האָסט צערנעס מיידעלע אַ נאָמען געגעבן צערנאַ און דו און די געטרײַע הויז־פרוי האָבן איבער איר געוואַכט.

נאָר די כײַע האָט זיך ניט אָפּגעטאָן פון דײַן פּאַלאַץ. זי האָט געדראַפּעט מיט די נעגל אונטערן בעט און זי האָט איבערגעשראָקן צערנאַס ליאַלקעס.

אַז ביסט געגאַנגען אין קלויסטער, האָט זי נאָכגעשאַרכט דײַנע פוסטריט און איַנווייניק האָט זי פאַרהוילן געשנאַפּט צו די טרערן פון דײַן טעכטערל און איר מאַרע[25] האָט זיך געוואָלקנט צווישן די דערנער פון געקרייציקטן.

די כײַע האָט אויך באַגלייט דײַן הויז־פרוי. געריסן איר פּאַטשיילע, געקײַט די צויטן[26] פון איר קלייד. זי האָט אַרײַנגעשמעקט אין איר קאָשעק[27], סקאָווטשעט[28], און אויסגעגראַבלט אין זאַמד אַ טליע[29], ווען סאַלאָמעא איז פאַרבײַגעגאַנגען.

פאַר אַ סגולע[30] האָט די אַלטיטשקע אוועקגעשטעלט אַ צעבראָכענעם שפּיגל אַף דער שוועל פון פּאַלאַץ. דער טײַוול האָט פאַר קיינעם קיין מוירע ניט, ער ציטערט בלויז פאַר זײַן אייגן פּאָנעם, אַז ער'ט געוועגען צו דער שוועל און דערזען זײַן טײַוול־פּאַרצעף[31] אין צעבראָכענעם שפּיגל, וועט אים באַפאַלן אַ שוידער. ער וועט זיך דרײַ מאָל איבערקוליען, אַנטלויפן צום טײַוול און צעברעכן רוק־און־לענד.

ס'איז געשען אין מײַ. אַקוראַט אין אַ כוידעש אַרום ווי

איך האָב דיר אונטערגעוואָרפֿן צערנעס צערנאַ. די לופֿט איז געווען ראָז ווי דעם מיידעלעס בעקעלעך, פֿול מיט בעז־קאָליר און צופֿנדיקע רייכעס. די דרייַ בעריאָזעס באַם אַרייַנגאַנג האָבן בוילעטער[32] אויסגעטיילט זייערע לעוואָנע[33]־פֿלעקן. פֿון זייערע שטייַפֿע צווייַגן זייַנען אַראָפּגעהאַנגען שנורן קרעלן[34] און שטיקלעך ווינט האָבן זיך אויף זיי געהוידעט[35].

צום ערשטן מאָל איז די כייַע אַרייַן אינווייניק, אין דייַן פּאַלאַץ, און גלייַך — אין דייַן צימער. די טירן האָבן זיך אַליין פֿאַר איר געעפֿנט. זי איז אַרייַן העפֿלעך, עלעגאַנט און אויסגעפּוצט ווי אַ טעקעלע[36].

— מייַן נאָמען איז האַנס אַבערמאַן, איך וויל האָבן די ערע צו שליסן מיט אייַך באַקאַנטשאַפֿט.

ער האָט אַראָפּגעצויגן די ווייַסע הענטשקעס, צוגעשפּאַנט געענטער, ריטמיש צוגעקלאַפּט שטיוול־צו־שטיוול, אַרייַנגענומען דייַן האַנט אין זייַנער, זיך פֿאַרנייגט און צוגעקלעפּט זייַנע דינע ליפּן צו דייַנע ציטערדיקע פֿינגער.

דאָס איז געווען די ערשטע באַליידיקונג, דער ערשטער פֿלעק אויף דייַן רייַנער הויט. אָבער נאָך מער האָט דיך באַליידיקט דער שוואַרצער בלאַסק פֿון זייַנע שטיוול, וואָס האָט דעם זעלבן קאָליר ווי די פּאָלירטע קלאַפּע איבער דער פּיאַנע. דאָס זייַנען שטיוול, וואָס צעטרעטן מוזיק, — איז דיר דורכגעפֿלויגן אַ מאַכשאָווע[37]. און מוזיק און צערנאַ איז געוואָרן איינס.

דער אָפֿיצער האַנס אַבערמאַן האָט זיך ניט באַנוגנט מיט זייַן ערשטן ניצאָכן[38]. ער האָט צוגעשפּאַנט צו דער אָפֿענער פּיאַנע און אַ שמיר געטאָן איבער די קלאַווישן, ווי עס וואָלט אַדורכגעלאָפֿן איבער זיי אַ מויז:

— פֿרוילייַן יאַנינאַ שפּינאַק, — האָט ער ווידער אַ שמיר געטאָן איבער די קלאַווישן, צוריקוועגס. — איך האָב געהערט, אַז איר זענט אַליין, און אַליין־זייַן אין מילכאָמע־צייַט איז אי

אומעטיק, אַ פֿול מיט סאַקאָנעס[39]. איך בין גרייט אײַך צו פֿאַרװײַלן און צו באַשיצן.

— ניט פֿרײַלין, נאָר פֿרוי און אויך ניט יאַנינאַ שפּינאַק, נאָר יאַנינאַ גאַלינסקאַ, — האָסטו געענטפֿערט. — מע האָט אײַך קענטיק פֿאַלש אינפֿאָרמירט. איך בין שוין אַ מאַמע פֿון אַ צװײַכאַדאָשימדיק טעכטערל, זאָל מיר לאַנג לעבן, און פֿאַר אײַער גרייטקייט מיך צו באַשיצן, אַ דאַנק. פֿאַראַן אַ האַר, װאָס באַשיצט זײַנע באַשעפֿענישן.

— אַז איר זײַט שוין אַ מאַמע, איז פֿאַר מיר אַ נײַס, — האָט זיך האַנס אַבערמאַן שאַלקהאַפּטיק[40] פֿאַרװוּנדערט. — איז אײַער מאַן אינדערהיים?

— ניין, שוין אַ האַלב יאָר װי איך האָב ניט פֿון אים קיין ידיעה[41], טאַקע איר, דײַטשן, האָט אים פֿון מיר אַװעקגעריסן. כ׳האָב געהערט, ער איז ערגעץ אין אַ לאַגער.

— װײסט איר, פֿרוי יאַנינאַ, מיט װאָס אײַער מאַן האָט זיך פֿאַרזינדיקט?

— זײַן אײנציקע זינד — ער איז געװען און געבליבן אַ פּױלישער פּאַטריאָט.

— אַזױנס האָט געקאָנט געשען. ס׳איז מילכאָמע, — האָט האַנס אַבערמאַן צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ מיט פּראָסטיקער באַ־דױערונג. — כ׳װעל זיך באַמיִען אים אױפֿזוכן און באַפֿרײַען פֿון לאַגער.

אַזאַ שרײַדער־כאָלעם, װי אין יענער נאַכט, האָט נאָך אין דיר זיך נישט אָפּגעשפּילט ניט אין כאָלעם און ניט אױף דער װאָר.

האַנס אַבערמאַן איז אַרױסגעשפּרונגען פֿון דער פּיאַנע אַ פּירפּיסיקער און זיך דערנעענטערט צו דײַן בעט, װוּ צערנאַ האָט זיך צו דיר געטוליעט. אױף די לאַפּעס האָט ער געטראָגן װײַסע הענטשקעס. ער איז געװען האָריק, װי אַ בער, און אױף זײַן כײַישן קאָפּ — אַן אָפּיצעריש היטל מיט אַ זילבערנעם סקעלעטל. ער האָט אױסגעשטרעקט צו דיר אַ לאַפּע און צו־

געטראָגן אַ בוקעט רויזן — טונקל־רויטע, לעבעדיקע, ווי זיך פאַרגאַנג אין שטורעם:

— ס׳איז פאַר אײַך, יאַנינאַ, צום געבוירן פון אײַער טעכטערל. כ׳וואָלט עס געטאָן פריִער, נאָר כ׳האָב זיך ערשט דערוווּסט פון אײַער גליק. כ׳האָב אויך געבראַכט אַ געשאַנק פאַר דעם מיידעלע. קאָן איך וויסן איר נאָמען?

— צערנאַ.

— אַ שיינער קלאַנג: צער־נאַ. איז עס אַ נאָמען, מײַן אַדעליקע, נאָך עמעצן אין אײַער פאַמיליע?

— יאָ, נאָך מײַן באָבע. איך האָב די זייער ליב געהאַט.

— אײַער באָבע האָט געהייסן יאַדוויגאַ, איר האָט קענטיק אַ טאָעס.

— ניין, איך האָב ניט קיין טאָעס[42]. אַ מענטש האָט צוויי באָבעס.

— אַזוי, אַזוי, אינטערעסאַנט. איך וועל הייסן דעם גאַלעד[43], ער זאָל אָפּשטויבן אין אַרכיוו די מעטריקעס.

אַז האָסט זיך אופגעכאַפּט, איז אויף דײַן בעט געזעסן סאַלאָמעאַ. זי האָט געלייגט אײַז צו דײַן שטערן און זיך געצייעמט[44]. און צערנאַ האָט זיך געשפּילט מיטן פרילינג און איר קעלכל[45] האָט זיך געפּיקט ווי אַ טרילערל[46] פון זײַן אײ.

האַנס אָבערמאַן איז אַרײַן אויף דער וואַר. צוויי לאַפּעס האָט ער געלאָזן הינטער דער טיר, באַם אַרײַנגאַנג. ער האָט איצט ניט געטראָגן די אוניפאָרם, די שוואַרצע שטיוול, אין זײַן גרויען ציווילן קאָסטיום האָט ער אויסגעזען אַנדערש.

— אַדעליקע פרוי יאַנינאַ, — האָט ער זיך צו דיר פאַרבויגן. — זײַט מוחל, וואָס איך בין געקומען אומגעבעטן, דערצו נאָך, ווען איר ליגט מיט אַ קאַפּוויטיק. איך האָב געבראַכט צוקערלעך פאַר אײַער טעכטערל צערנאַ.

— פונוואַנען ווייסט איר ווי מע רופט מײַן קינד? — ביסט אויפגעשפּרונגען פון בעט אַ צעשרייבערטע. — כ׳האָב אײַך ניט געזאָגט איר נאָמען!

האנס אַבערמאַן האָט זיך געזעצט אפן פּיאַנע־שטול, דיר אנטקעגן, און גערעדט פּאַוואָליעדיק:

— איר מיינט, יאַנינאַ, איך בין קיין מענטש ניט, האַ? איך בין! איך בין! מיר זיינען אַלע פון זעלבן שטאָף געוועבט, פון וועלכן עס זיינען געוועבט כאַלוימעס — האָט געזאָגט שעקס־פּיר. נו, האָב איך אין כאַלעם זיך דערוווּסט, אַז אייער טעכ־טערל רופט מען צערנאַ.

האָסט געמיינט, ס'איז נאָך אַלץ דער העמשעד[47] פון דיין קאַשמאַר, אָבער קיינמאָל ביסטו ניט געווען אזוי וואַכיק. האָסט א ביס געטאָן דיין האַנט אופּצוּוועקן ווייטיק, נאָר דיין האַנט איז גאָר געווען זיינע און דער ביס האָט דיר ניט ווי געטאָן.

האנס אַבערמאַן האָט דיך געפּרוּווט באַרויִקן:

— ס'איז א שפּאַס, יאַנינאַ, דאָס האָבן די קינדער אין דרויסן מיר דערציילט, אַז אייער טעכטערל רופט מען צערנאַ.

און האנס אַבערמאַן האָט זיך נאָכאַמאָל אַנטשולדיקט, איבערגעלאָזט אף דער פּיאַנע דאָס זעקעלע צוקערלעך און איז האַסטיק אוועק.

ס'איז אריבער א כוידעש, און די כייע האָט זיך מער ניט געזיאָוועט. איר שאָטן האָט זיך אָבער ארומגעשאַרט סיי אין דרויסן און סיי אין דעם פּאַלאַצל. און פאַרטרייבן א שאָטן איז נאָך שווערער ווי א לעבעדיקע באַשעפעניש. די צוקערלעך האָסטו אריינגעוואָרפן אין אויוון: אַז צערנאַ וועט, כאַלילע[48], קראַנק ווערן, וועסטו מיינען, זי איז פאַרסאַמט[49] פון דער מאַטאַנע[50].

איך ווייס ניט, וואָס דו האָסט פאַרן כוידעש אדורכגעלעבט. די ווינציקע פּראַטים, וואָס איך ווייס יאָ, האָסט זיי מיר דער־ציילט, זיינען: ס'איז צוריקגעקומען פון איטאַליע דיין מאַמע. האָסט זי קוים דערקענט, אַלט ווי סאַלאַמעאַ. האָסט דערפילט צו איר א ראַכמאָנעס ווי צו א טויטער. זי האָט געוואָלט פאַר־

גיטיקן דײַנע לײדן, דײַן בלײַבן א טאָפּעלע יעסוימע: נאָך א טויטן טאטן און א לעבעדיקער אומגעזעענער מאמען, און האָט דיר געבראַכט א שאכטל מיט צירונג. האָסט ניט געוואָלט נעמען. דער ווילן צו ראטעווען צערנאַן האָט גיווער געווען[51].

יאָ, דער אייגענער מאמען האָסטו ניט דערציילט, אז צערנא איז א פרעמדע, א יִדישע. האָסט איר דערציילט דאָס זעלביקע, וואָס האנסן, און זי איז צוגעפאלן מיט גרויס ליבשאפט צו האָדעווען איר אייניקל.

אין דעם זעלבן כוידעש האָט סאלאָמעא דערשפּירט, אז צוויי מאמעס זײַנען צופיל, און די אלטיטשקע האָט אויסגעהויכט איר ערלעכע נעשאָמע.

דאָס מאָל איז ער ארײַן, האנס אָבערמאן, מיט א וואָלפהונט און אין פולער אָפיצערישער אוניפאָרם. זײַן פּאָנעם איז געווען געלבלעך־מאט און פארפודערט. ראָזע פליאמעס, ווי פינגער־אָפּדרוקן, האָבן זיך אָבער געצייכנט פון אונטערן פודער. זײַן וואָלפהונט, אף א ניקלענער קייט, איז געווען סטאטעטשנע און געהאָרכיק. זײַן שארפע פורפורנע צונג, רונד און לאנג ארויסגעהאנגען — א נאסער וויברירנדיקער סערפּ מיט די צײַנדלעך אונטן. זײַן קאָפּ מיט די אָנגעשפּיצטע אויערן האָט ער געהאלטן פּאריסן צו זײַן האר, גרייט צו שפּילן א סאָלאָ־קאָנצערט ווי נאָר האנס אָבערמאן, דער דיריגענט, וועט אים געבן דעם ערשטן צייכן.

אף א טיגער־פעל האָט זיך געשפּילט צערנא. אירע אייגעלעך — ברייִשיסדיקער[52] בלוי. דער אורבלוי פון אלע בלויען. און דאָס אָנגעהויבענע געוועב פון אירע פּײַכטע, שיטערע הערעלעך האָט זיך וואונדערלעך ארײַנגעפּאסט אין דער קאָמפּאָזיציע פון די דרײַ בעריאָזעס אין אָפענעם פענצטער אפן הינטערגרונט און דעם יונגן זון־שטראל, וואָס האָט שטיפעריש געהיפּערט איבער זייערע צווײַגן, ווי א וועווערקע.

האָסט פארשטעלט דעם אָפיצער זײַן ווײַטערדיקן שפּאן און אים אָפּגעמאָסטן מיט פאראכטונג:

— ווי דערוועגט זיך עס א שטאָלצער מיליטערמאַן אַרײַנ־צוקומען צו א קינד מיט א וואָלפהונט?!

דער אָפיצער האָט זיך פאַרטיידיקט:

— יאַנינא, דער הונט וועט גאַרנישט ניט טאָן, אויב איך וועל אים ניט באַפעלן. כ׳האָב אים הײַנט מיטגענומען צוליב אַן איין־און־איינציקער סיבע, ער זאָל באַהיטן — מיך אַליין.

— פאַר וועמען דאַרף אײַך באַהיטן דער הונט?

— פאַראַן א סוינע[53], אַן אומגעזעענער...

האַנס אַבערמאַן האָט זיך געטאָן א טרייסל, ווי עס וואָלט אים פּלוצעם באַפאַלן א רעגן. די ראָזע פלעקן אונטערן פּודער זענען געוואָרן דײַטלעכער:

— איר ווייסט, יאַנינא, איך קוק אויף אײַער טעכטערל און עס ווערט מיר זייער אַריסטאָקראַטיש: ניטאָ קיין טראָפּן ענלעכ־קייט צו דער מאַמען.

— איר זײַט גערעכט, צערנא איז דער טאַטע אויסן אויג, איר נעשאָמע איז אָבער די זעלבע, וואָס מײַנע.

האַנס אַבערמאַן האָט אויפגעהויבן דאָס קאָל:

— מ׳האָט אַרומגעזוכט איבער אַלע לאַגערן, איר טאַטע איז דאָרט ניטאָ, עפּשער איז דער טאַטע ניט געווען קיין פּאָליאַק?

האָסט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, ווי אַן עמעסע אַקטריסע:

— ניט קיין פּאָליאַק? איר זײַט גערעכט, מײַן מאַן איז א נעגער. איך דאַנק אײַך, האַנס אַבערמאַן, פאַר אײַער גוטער בסורע[54], אַז מ׳האָט מײַן מאַן אין די לאַגערן ניט געפונען. בראַוואָ, טײַערער סטאַשעק, ביסט אַנטלאָפן!

דער אָפיצער האָט אַרײַנגעקוקט אין דײַנע אויגן מיטן בליק פון זײַן וואָלפהונט:

— פרוילײַן יאַנינא, לאָמיר אויפהערן די שפּיל, מ׳האָט גוט געפאָרשט, ניט פאַראַן קיין סטאַשעק, צערנא איז א ייִדי־שע.

ס׳געלעכטער איז דיר געבליבן שטעקן אין גאָרגל. ס׳האָט אָבער געלאַכט ווײַטער פון זײַן אייגענעם ווילן.

האַנס אַבערמאַן האָט אַרופגעטאָן א האַנט אויף דײַן אַקסל:

— יאַנינאַ, איך ווייס, אַז איר זײַט אַ פֿרומע קאַטויליקערן. דרײַ מאָל אַ וואָך גייט איר אין קלויסטער. אָט הענגט איבער אײַער בעט יעזוס, אַז איר וועט קניִען פֿאַר אים, זיך צײלעמען און שווערן, אַז צערנאַ איז ניט קיין ייִדיש קינד — וועל איך אײַך גלייבן.

האָסט זיך געשטעלט אויף די קני, זיך געצײלעמט און געשווירן.

און דעמלט איז געשען אַזוינס, וואָס דיר איז פֿריִער ניט געקומען אויפֿן זינען: האַנס אָבערמאַן, דער אָפֿיצער אין די שוואַרצע שטיוול, האָט זיך צעווײנט. די כּײַע האָט זיך צעוויינט מיט מענטשלעכע טרערן. ער האָט אַרויסגעכאַפּט אַ קליינעם פּיסטאָלעט, אַ „וואַלטער", און אַרײַנגעשאָסן דרײַ קוילן אין זײַן געטרײַען קניִענדיקן וואָלפֿהונט. דער אָפּקנאַל פֿון די שאָסן איז געווען אַ מילדער, אַזוי קלאַפּט אַ דראָבנער זומערהאָגל אין שויב. צערנאַ האָט זיך אַפֿילו ניט דערשראָקן. די טויט־שרעק פֿון איר מאַמען האָט שוין אָנגעזעטיקט ס׳טעכטערל אויף אַ גאַנץ לעבן. און דער וואָלפֿהונט האָט זיך אַ דריי געטאָן אַרום האַנסן אינעם ריטם פֿון אַ שווינדלדיקער קאַרוסעל און איז געבליבן ליגן אויסגעצויגן און שטיל ווי אַ קאָטינקע, ווי אַזוי דער טיגערפּעל. ס׳האָט אויסגעזען: דער טויטער טיגער האָט צעריסן דעם לעבעדיקן וואָלפֿהונט.

דאָס אַלץ האָט געדויערט ניט מער ווי איניקע סעקונדן.

דערנאָך איז האַנס אָבערמאַן צוגעפֿאַלן צו דײַנע פֿיס, געקושט זיי און זיך געשלאָגן דעם קאָפּ אין דיל.

געדענקסטו, יאַנינאַ, די סעקונדן שפּעטער?

האָסט אים געהאָלפֿן אַראָפּטראָגן דעם הונט אין קעלער. האַנס האָט אים דאָרטן באַגראָבן, פֿאַרשאָטן און איבן אַרופֿגעקוילערט צעפֿוילטע בירפֿעסער.

אַז איר זײַט בײדע אַרויף אין דײַן פּיאַנע־צימער, איז דאָס פּאָנעם זײַנס געווען קאַלך, ווי פּיאַוקעס וואָלטן אָפּגעזאַפּט זײַן טונקל בלוט. די ראָזע פֿלעקן זײַנען פֿאַרגאַנגען, ווי די

פלעקן פון דערשאָסענעם הונט, וואָס דו האָסט אָפּגעוואַשן מיט הייס וואַסער.

א גוטער צופאַל, וואָס דײַן מאמע איז ניט געווען אינדערהיים. יענע וואָלט די זאַך עפּשער ניט־ווילנדיק איסגעפּלוידערט פאַר שכיינים. זי האָט לעצטנס פאַרלוירן איר גלײַכוואָג, דײַן מאמע. אויפגעזוכט אין שטאָט אַן אַמאָליקן אַרײַנגייער אין אײַער הויז, אַן אַפּטייקער, און ביידע האָבן זיך פאַרנומען מיט אַרויסרופן דעם גײַסט פון איר מאַן, דעם דערהאַרגעטן פאָרעץ קאַראָל שפּינאַק. אז קאַראָלס גײַסט וועט זיך מיט מאַזל אַנטפלעקן, וועט זי אים דערציילן די סוידעס[55] פון זײַן לעצטן געיעג אין דער ביאַלאָוועזשער פּושטשע.

דײַן באָדן האָט זיך נאָך אַלץ געוואַקלט פון דער מעשונעדיקער[56] איבערלעבעניש. א מין ערדציטערניש אין דער נעשאָמע. די רעאַליטעט האָט מוירעד געווען[57] אין זיך גופע. אָבער גראָד אַצינד איז האַנס אָבערמאַן געוואָרן באַדאַכטער און האָט אָנגעהויבן ריידן צו דיר אף „דו":

— יאַנינאַ, נאָך הײַנט מוזסטו פונדאַנען אַנטרינען. דו, צערנאַ און דײַן מוטער. מאָרגן וועט זײַן צו שפּעט. פאַראַן א באַפעל אײַך דרײַען צו אַרעסטירן. ס׳דערוואַרט אײַך דער זעלבער גוירל[58], וואָס די ייִדן. גרייט זיך צו. כ׳וועל קומען אין אָוונט מיט אַן אויטאָ און אײַך פונדאַנען אַוועקנעמען. וווהין — וועסטו ביז אָוונט באַקלערן. מיסטאַמע האָסטו ערגעץ א קאָרעווו, א פרײַנט אין א מאַיאָנטעק, כ׳וועל אײַך פירוון ערגעץ אַנטרינען. די וועלדער באַדאַרפן מיליטערלײַט. איך דאַנק דיר, יאַנינאַ, פאַרן פאַרוואַנדלען מיך צוריק אין א מענטשן.

דאָס איז געשען מיט א פרילינג שפּעטער:

אין הוסטאַטשער וואַלד, אין זעמליאַנקע פון קאָמאַנדיר טראָפים בעלאָוסאָוו, האָט זיך געטראָגן דער פרישער גערוך פון סמאָלע, פרילינגדיק צעקאָפּעט פון די מאָכיקע יאָדלעס,

וואָס פון זיי איז געבוירט די זעמליאַנקע אין דער ערד. איר דאַך איז קוים צו מערקן, ער גלייכט זיך אויס מיט די אופגעלעבטע גראָזן צווישן בלויע וואַסערלעך. א גאַנץ לעבן זיינען די יאַדלעס געוואַקסן שטייענדיק, אצינד האָבן זיך די ביימער געכאַפּט, אז מע קאָן אויך וואַקסן ליגנדיק און מאָכיק פאַרטוליעט יאַדלע צו יאַדליכע.

טראָפים בעלאָוסאָוו, דער קאָמאַנדיר פון א פּאַרטיזאַנער-מאַכנע[59] אין הוסאַטשער וואַלד, איז נאָך אין זעמליאַנקע ניט געווען. ס'האָט מיך אריינגעבראַכט זיין אדיוטאַנט גרישקא מאַלאַדיעץ, א בלאָנדער זשוואַוויער באָכער מיט א פּאָנעם ווי באַוואַקסן מיט זאַנגען, און געבעטן וואַרטן. איך האָב זיך אהער דערגראָבן פון מיין פּאַרטיזאַנער-באַזע צווישן קאָבילניק און מיאַדל — א הונדערט קילאָמעטער ווייט פונדאַנען. אונטערן העמד ברענג איך פאַר בעלאָוסאָוון א וויכטיקע ידיעה פון בריגאַדע-קאָמאַנדיר פיאָדאָר מאַרקאָוו, געשריבן אף א פּאַס לייוונט.

דער זון-פאַרגאַנג איז אריין אין דער זעמליאַנקע מיט די ערדענע טרעפּלעך אין דער נידער. די טיר איז געווען אָן אָפּענע — א שוואַרצער אָרן[60] אָן א דעק און אָן א צודעק. ס'האָט אויסגעזען: אין א האַלבער זעמליאַנקע ברענט א שייטער און אין דער אַנדער האַלבער, ווו איך זיץ אף א קלעצל, פאַלט זיין שאָטן.

און אָט איז אריין טראָפים בעלאָוסאָוו און הינטער אים גרישקא מאַלאַדיעץ. אקעגן ברייטפּלייציקן, דעמבענעם אדיוטאַנט האָט דער באַרימטער קאָמאַנדיר אויסגעזען א נעבעכל: א נידעריקער, א שטופּלער. די ברייטע באַראַשקענע פּאַפּאַכע, קרום אָנגעטאָן און פאַרכאַפּט איבער אן אויער, האָט נאָך מער פאַרשמעלערט און פאַרקליינט זיין פּאָנעם — א דאַרס, א ביינערדיקס, מיט א שיטערער צעפּלאָסענער באָרד און באַרויגעדיקע[61] וואָנצעס. אין זיין רעכטן מוילשניט האָט געשטעקט א ליולקע ווי א צאַפּן. נאָר די אויגן זיינע, שפּיציקע, שטאָליקע, אונטערן הערשערישן קנייטש אין שטערן, קאָנען אריין אין א שטיין און ארויסציען די פונקען פון זיין אינגעווייד.

כ׳האָב זיך געשטעלט, סאַלוטירט, און געזאָגט מײַן נאָמען. דערנאָך ארויסגעצויגן דעם לײַוונטענעם בריוו פון אונטער דער העמד און אים דערלאַנגט.

דער קאָמאַנדיר האָט אדורכגעשטעפּט מיט זײַנע נאָדל־אויגן דעם לײַוונט און עלעהיי דער בריוו איז נאָך ניט געענ־דיקט — זיי ארײַנגעשטאָכן אין מיר און געלייענט ווײַטער. דערנאָך האָט ער אונטערגעהויבן די פּאַפּאַכע, פאַרקלערט זיך א רעגע און פאַרדרייט א וואָנצע:

— לאַדנאָ, לאַדנאָ...

און פּלוצעם האָט זיך שאַרפער אײַנגעשניטן זײַן קנײטש אין שטערן, געוואָרן זיגזאַגיק, און בעלאָוסאָוו האָט זיך צוגע־בויגן צו מיר פון איבערן טיש:

— זאָג נאָר, דעם גערמאַנסקן לאָשן קענסטו?

— אַזוי זיך, מע קאָן זאָגן, אַז יאָ.

— לאַדנאָ, לאַדנאָ... — האָט ער אויסגעהאַקט אָן ברעג פון טיש דעם פאַרבאַקענעם טאַבעק פון זײַן פאַרשטאָפּטער ליולקע און זיך פּאַוואָליע אויסגעדרייט צום אַדיוטאַנט:

— גרישקאַ, ברענג ארײַן דעם אָפיצער, אַז מ׳עט אים הענגען א״ווײַלע שפּעטער איז אויך ניט קיין אומגליק. איך האָב אים טאַקע אין דר׳ערד. נאָר זײַן צונג, ברודערל, איז מ׳ר א שאָד. עפּשער קאָן מען נאָך פון דער צונג עפּעס אויסמעלקן.

אַז גרישקאַ איז אוועק אים ברענגען, האָט בעלאָוסאָוו דערגעבן א פּאָר זאַצן, איך זאָל בעסער פאַרשטיין דעם איניען[62]:

— מיר האָבן געכאַפּט אין וואַלד א וואַזשנעם פויגל: א דײַטשישן אָפיצער. א שפּיאָן? א דיווערסאַנט? שווער צו דער־גיין א טאָלק. ער האָט זיך געהאַט פאַרשטעלט פאַר א פּאַרטי־זאַן און אַפילע ארויסגעוויזן העלדישקײַט. ס׳האָט אים דער־קענט אַן אַנטלאָפענער פון פּאָנאַר — א ווילנער יינגל. דער אָפיצער לייקנט ניט, אָבער עפּעס באַהאַלט ער. דערצו איז דאָ ניטאָ קיינער, וואָס זאָל פאַרשטיין ווי געהעריק דעם גער־מאַנסקן לאָשן.

דער זון-פאַרגאַנג האָט אין רויטע שטיוול אַרויסגעשפּאַנט פון זעמליאַנקע. מײַן שאָטן-זײַט האָט זיך אויסגעשפּרייט איבערן גאַנצן פּירקאַנטיקן כּאַלעל[63] צווישן די ליגנדיקע יאַדלעס. טראָפּים בעלאָוסאָוו האָט אָנגעצונדן א לעמפּל. און אז דער סמאָלע-רייעך האָט אײַנגענומען דעם רייעך פון קעראָסין, איז אַרײַן גרישקאַ און פאַר א שטריק מיטגעצויגן דעם געפאַנגענעם.

ביים מײַן פאָרשן אים האָט דער אָפיצער דערציילט דאָס זעלביקע, וואָס בעלאָוסאָוו האָט שוין געהערט פריִער: זײַן נאָמען איז האַנס אָבערמאַן, געבוירן אין קעלן. ס׳איז עמעס, אז ער האָט געטייט אומשולדיקע מענטשן. אין יון נײַנצן דרײַ און פערציק אַנטלאָפן פון זײַן מיליטערישער פאָרמאַציע. און דאָ, אין הוסאַטשער וואַלד, האָט ער געוואָלט אויסקויפן זײַנע כאַטאָים[64].

— לאַדנאָ, לאַדנאָ, — האָט בעלאָוסאָוו אויף דעם אָרט איבערגעריסן דעם פאַרהער מיט א שטאַרקערן קלאַפּ פון דער ליולקע אין ברעג פון טישל. — דאָ ליגט דער הונט באַגראָבן. פרעג אים, דעם בראַוון אָפיצער, דעם האַנס אָבערמאַן, פאַר וואָס איז ער אַנטלאָפן פון זײַן מיליטערישער פאָרמאַציע און פאַראַטן זײַן פאָטערלאַנד?

אז כ׳האָב איבערגעפרעגט דעם אָפיצער בעלאָוסאָווס אומגעריכטע שאַלע[65], האָט ער אויפגעציטערט ווי א פרײַגעלאָזטע פרוזשינע:

— דערלויבט מיר מיטצונעמען דעם סאָד[66] אין קיִוער[67].

יאַנינאַ, איך ענדיק דעם בריוו. א גוטער מאַלעך וועט דיר אים ברענגען. וועסט לייענען און זיך דערמאָנען, אז די מערסטע ווערטער זענען דײַנע.

פּ. ס. יאָ, כ׳האָב דיר גאָרניט געשריבן וועגן צערנאַס כאַסענע[68]. א צווייטן מאָל, א צווייטן — —

באמערקונגען

1.	כײַע [חיה]	зверь
2.	נעלעם [נעלם] װערן —	исчезать
3.	טשוקע [תשוקה]	сильное желание, страсть
4.	זיקאָרן [זכרין]	память
5.	שיקרעס [שכרות]	опьянение
6.	מאלעך [מלאך]	ангел
7.	קויעך [כוח]	сила, мощь
8.	כאלעף [חלף]	нож *(для убоя скота)*
9.	מאלעכהאמאָװעס [מלאך־המות]	ангел смерти
10.	פאַרײַעשטער [פאַריאושטער]	отчаянный
11.	בעקאװאָנע [בכװנה]	намеренно, специально
12.	ראכמאָנעסדיק [רחמנותדיק]	жалостливо, милостиво
13.	טריװאקס	сургуч
14.	שליימעסדיק [שלמותדיק]	полный, совершенный
15.	כאָלעמען [חלומען]	мечтать, грезить
16.	האכנאָעדיק [הכנעהדיק]	покорно
17.	פאַרכאלעשט [פאַרחלשט]	изнемогший
18.	מויכל [מוחל] זײַן —	простить
19.	לעגאבע [לגבי]	по отношению к
20.	כאראָטע [חרטה] האָבן	раскаиваться
21.	יעסוימע [יתומה]	сирота (*ж. р.*)
22.	פּאָרעץ [פּריץ]	помещик
23.	דערהארגעט [דערהרגעט] װערן —	быть убитым
24.	פּילנעװען —	ухаживать за ребёнком
25.	מארע [מראה] —	облик
26.	צויט —	край (*одежды*)
27.	סקאװוטשען —	скулить
28.	קאָשעק —	корзина
29.	טליִע [תליה] —	виселица
30.	סגולע [סגולה] —	средство (*избавления от чего-либо*)
31.	פּארצעף [פּרצוף] —	морда
32.	בוילעט [בולט] —	явный, ясный
33.	לעװאָנע [לבונה] —	*зд.* цвета луны
34.	קרעל —	бусы
35.	הוידען זיך —	качаться
36.	טעקעלע —	*зд.* как игрушечка
37.	מאכשאָװע [מחשבה] —	мысль
38.	ניצאָכן [נצחון] —	победа
39.	סאקאָנעס [סכנות] —	опасности

40.	שאלקהאפטיק —	коварно
41.	יעדיִע [ידיעה] —	известие
42.	טאָעס [טעות] —	ошибка
43.	גאלעך [גלח] —	священник (*христианский*)
44.	ציילעמען [צלמען] זיך —	перекреститься
45.	קעלכל [קולכל] —	голосок
46.	טרילעכל —	трель
47.	העמשעך [המשך] —	продолжение
48.	כאָלילע [חלילה] —	не дай Бог
49.	פארסאמט [פארסמט] —	отравленный
50.	מאטאָנע [מתנה] —	подарок
51.	גויווער [גובר] זײַן —	побеждать, одолевать
52.	בעריישיסדיקער [בראשיתדיקער] —	исконный, первоначальный
53.	סוינע [שונא] —	враг
54.	בסורע [בשורה] —	известие, сообщение
55.	סוידעס [סודות] —	тайны
56.	מעשונעדיק [משונהדיק] —	странный
57.	מוירעד [מורד] זײַן —	восставать, бунтовать
58.	גוירל [גורל] —	судьба
59.	מאכנע [מחנה] —	*зд.* отряд
60.	אָרן [ארון] —	гроб
61.	בארויגעזדיקע [ברוגזדיקע] —	сердитые
62.	איניען [ענין] —	дело, суть
63.	כאָלעל [חלל] —	пространство
64.	כאטאָיִם [חטאים] —	грехи
65.	שײַלע [שאלה] —	вопрос
66.	סאָד [סוד] —	тайна
67.	קייווער [קבר] —	могила
68.	כאסענע [חתונה] —	свадьба

צוגאסט אין טשעקא

(פון דער מומע רייזעס דערציילונגען)

וואָס פאר א סויכער מײַן מענדל-עליע איז געווען, ווייסט איר דאָך. אפילע אין די גוטע צײַטן איז אים אלץ געגאנגען מיט דער פוטער אראָפּ. מיט איין וואָרט — שלים-שלימאזל. אף איין זאך איז ער געווען א בעריע — קאָכן קוואס. אָבער טאקע נאָר קאָכן. פארקויפן אים האָט ער זיך שוין ניט אויסגעטריגט. ביכלאל, דאָרט, ווו עס האָט געשמעקט מיט מיסכער, איז מײַנער געווען אויס.

אָבער וואָס איז קוואס, ווען טרינקט מען אים? פון פייסעך ביז ראָשהאשאָנע. גיט נאָר א בלאָז דאָס ערשטע אָסיענדיקע ווינטעלע, דארף שוין קיינער ניט קיין קוואס. ס'הייסט, עמעצער דארף אים יאָ, נאָר גיי, פריר אָפּ א גאנצן טאָג און קוק ארויס אף א קוינע. און קוואס איז דאָך אזא מין זאך: הײַנט אָפּגעקאָכט און הײַנט פארקויפט. אָבער וואָס טוט מען מיט א פעסל קוואס, וואָס שטייט שוין בא דיר דעם דריטן טאָג? אָדער גיס אים ארויס, אָדער טרינק אים אליין און כאפּ ארײַן א בויך-ווייטיק.

זאָג איך איינמאָל מײַן מענדלען: עפשער וואָלטן מיר צוגעטראכט אזוינס, מיר זאָלן ווינטער אויך קענען האָבן א לע-

---

כאַים מעלאַמוּד (געב. אין 1907) — באוווּסטער יידישער סאָוועטישער פראָזאיקער, רעדקאָלעגיע-מיטגליד פונעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד". לעבט אין טשערנאָוויץ.

בעדיקע קאָפּיקע? — ווייסט איר דאָך, אז פרעגן אייצעס בא מײַן מענדלען וועגן אזעלכע זאכן איז אן אומזיסטע טירכע. אָבער — פּאָרט א מאנספּארשוין. דארף מען אויסדרייען דעם אינײעץ אזוי, אז ס'זאָל הייסן, אז דאָס האָב ניט איך צוגעטראכט, נאָר ער. האָב איך צוגעטראכט אײַנגעמאכטס, אײַנגעמאכטס פון ווײַנשל. ס'הייסט, צוגעטראכט האָב ניט איך, נאָר מאלקע די טוקערן, וואָס ווײנט סאמע אונטער אונדז. איר ווייסט ניט, וואָס א טוקערן איז? די גרעסטע מאַכערן אין באָד. יענע צוויי טעג אין דער וואָך, ווען אין באָד איז פאראן ווײַבערשע ביטלעך, איז זי דאָרט א גאנצע קנאקערן. זי לייגט צונויף און היט אָפּ דאָס ווײַבערשע אָנטועכץ, קיין זײַטיק אויג זאָל דעם, כאָלילע, ניט שאטן, באזאָרגט אלעמען מיט שעפעלעך, און זייפט אמאָל אָן עמעצן א פּלייצע. נו, גיט איר יעדערער וויפל ער קאָן און וויפל ער וויל. ווער א גראָשן און ווער א גאנצע קאָפּיקע. פארדינט זי, ווי מע זאָגט, וואסער אף קאשע. אָבער נאָר צוויי טעג אין דער וואָך. און די איבעריקע? און די איבעריקע טעג איז ווי עס מאכט זיך. ווינטער פליקט זי פעדערן פון די גווירישע געבנדז, און זומער טראָגט זי פונעם מארק שווערע פרעמדע קאָשעקעס.

נאָר וואָס מיינט איר, מאלקע די טוקערן איז ניט קיין מענטש און וויל רײַך ניט ווערן? זיצט זי איינמאָל לעבן אונדזער שטוב און רופט זיך אָן צו מיר:

— הערט איר, רייזיע, וואָס איך וועל אײַך זאָגן? די וועגענער מיט די ווײַנשל קוקן מאמעש צו אײַך אין שטוב ארײַן. פארוואָס זאָלן מיר, ווי אנדערע, ניט א פרוו טאָן אונדזער מאזל?

— וואָס זשע וועלן מיר טאָן מיט די ווײַנשל? — פרעג איך בא איר. — און וויאזוי קאָן אין זיי א שפּיל טאָן אונדזער מאזל?

— מירן פרעגלען אײַנגעמאכטס.

— ווּהין זשע וועלן מיר אהינטאָן אזויפיל אײַנגעמאכטס?

— אײַ, רייזיע־לעבן, — מאכט צו מיר מאלקע, — איר זאָלט גאָר פרעגן וועגן אזעלכע זאכן. אָט בין איך נעכטן גע־

ווען בא בערעלע קיווטשעקס, זײַן הינדע האָט נעכטן געקויפט אזא־אָ קארפּ, האָט זי מיך געבעטן, איך זאָל אַרײַנקומען מאכן די פיש. זי זאָגט, אז איר בערל זאָגט, אז אזוי, ווי איך פיל אָן די פיש, קען קיינער ניט. האָב איך געהאקט די פיש און געהערט, ווי בערל האָט געשמועסט מיט פישל זאליאזניק. און טרעפט, וועגן וואָס האָבן זיי געשמועסט? וועגן ווײַנשל און וועגן אײַנגעמאכטס. אין בערשאַד, זאָגט מען, איז די סכוירע מיט גאָלד גלײַך. איז אויב בערעלע קיווטשעקס מיט פישל זאליאזניק לוינט דער מיסכער, פאַרוואָס זאָל ער אונדז ניט לוינען? קיין סאך געלט דאַרף מען דאָך ניט אַרײַנלייגן, דערי־קער איז די ארבעט, נו, און הענט בא אונדז, ווייסט איר דאָך אליין.

בא מיר האָט זי גלײַך געפויעלט. האָט מען נאָר געדאַרפט, אז גאָט זאָל אַרײַנגעבן אזא געדאנק אויך מײַן מענדל־עליען. האָבן מיר זיך צונויפגענומען עטלעכע שכיינים, פון יענע קאפּצאָנים, וואָס פאַרלירן קיינמאָל ניט די האָפענונג רײַך צו ווערן, אײַנגעקויפט א פּאָר וועגענער ווײַנשל, און ס'איז אוועק...

קינדער בא אלעמען געווען ניט ווייניק, און ס'איז געווען, ווער ס'זאָל ארויסנעמען די קערלעך. געווען אויך, ווער ס'זאָל א נאש טאָן א ווײַנשל. מיט איין וואָרט — אן עמעסע ארטעל.

אָנגעפּרעגלט א פּוד פופציק אײַנגעמאכטס, אזוינס ווי אזעלעכס. און אָנגעהויבן ארויסקוקן אף די בערשאַדער סאָכרים. נאָר יענע סאָכרים — ווי אין וואסער ארײַן. צי זיי האָבן באַוויזן אײַנקויפן ערגעץ אנדערש, צי איבער די באנדעס, יענעם זומער זײַנען באנדעס געווען מערער, ווי סאָכרים. זײַנען מיר געבליבן שטעקן מיט דער סכוירע. ערשט אָנהייב ווינטער האָבן זיי זיך א יאווע געטאָן. איינער, א צווייטער, א דריטער. יעדן האָט מען געמוזט ארויסשטעלן א שעלעכל אײַנגעמאכטס מיט א גלאָז טיי, יעדערער האָט זיך געקוויקט, געלויבט די סכוירע אין טאָג ארײַן, נאָר אז ס'איז געקומען צו דער פּרײַז, — א נעכטיקער טאָג, מע קען אפילע דעם קערן ניט דעקן. איך פּרוּוו זיך דינגען מיט זיי, און מײַן מענדל הייבט זיך אָן היצן: פאַר אזא פּרײַז איז ער אליין אויך א באלן אף א ביסל אײַנ־

געמאַכטס. כאָטש צו וואָס טויג אים גאַנצע פינף פוד, וואָס זיינען אויסגעפאַלן אויף אונדזער כיילעק?

איז געשטאַנען דאָס איינגעמאַכטס בא אונדז אין קעלער, געוואַרט אויף א קוינע און דערוואַרט זיך אויף א באַנדע.

געשען איז דאָס שוין צום סאָף ווינטער. מיין מענדל איז, ווי געוויינלעך, אויפגעשטאַנען א גרויסן פאַרטאָג און אוועק צום ערשטן מיניען. פרעגט אים, וואָס יאָגט ער אזוי מיטן דאַווענען, וואָס וועט ער אָנווערן מיטן צווייטן מיניען צי מיטן דריטן? די גרויסע געשעפטן זיינען? נאָר מענדל האָט זיך זיין כעזשבן. גאָט אליין איז אויך ניט פון אייזן. און אז אלע יידן הייבן אים אָן דרייען א ספאָדעק מיט זייערע טפילעס, פאַרדולט מען אים דעם קאָפּ, און ער ווייסט שוין אליין ניט, וואָס מע וויל פון אים. באַם ערשטן מיניען, ווען גאָט איז אויך נאָרוואָס אויפגעשטאַנען און דער קאָפּ איז בא אים נאָך פריי, קאָן מען זיך אויסטיינען מיט אים אפן סאַמע בעסטן אויפן.

און סאַמע דאַן, ווען מיין מענדל האָט געקליבן זיך דורכשמועסן מיטן ריבוינעשעלוילעם, איז אָנגעלאָפן זאַבאַלאָטנע מיט זיין באַנדע, ארויסגעטריבן אלע יידן אזוי, ווי זיי זיינען געשטאַנען, אין טאַלעס-און-טפילן, און אוועקגעטריבן צום אלטן בעסוילעם. די יידן האָט מען אוועקגעשטעלט סאַמע אינמיטן צווישן די צאַמען און מאַצייוועס און פון אלע פיר זייטן אָנגעשטעלט אויף זיי עטלעכע קוילנוואַרפערס. האָט מען שוין קיין לאַנגע רעדעס האלטן ניט געדאַרפט. ס'איז געווען גענוג, וואָס דער אַטאַמאַן האָט געזאָגט:

— ווער ס'האָט צוקער, זאַלץ, מעל, צירונג אָדער אנדערע זאַכן, קאָן זיך אויסקויפן דאָס לעבן. די, וואָס ווילן זיך אויסקויפן, זאָלן אוועקגיין אין א זייט.

עטלעכע יידן זיינען אוועקגעגאַנגען אין א זייט. מיין מענדל איז געבליבן שטיין אויף זיין אָרט און, ווי אלע איבעריקע, אָנגעהויבן זאָגן ווידע. און ערשט דאַן האָט ער זיך דערמאָנט אין די פינף פוד איינגעמאַכטס. האָט ער דאָך אויך מיט וואָס אויסקויפן זיך! נאָר ווי גיט מען דאָס אוועק? מע האָט דאָך ארייַנגעלייגט אין דעם דאָס גאַנצע דאָברע-מאַזל. און די

גאנצע האָפּענונג איז אויף אָט דער וואַרעניע. זאָל נאָר קומען א גוטער קוינע...

אָפּגעזאָגט ווידע, האָט ער ערשט אָנגעהויבן אויסטייַנען זיך מיטן אייבערשטן, האַלטן זיך מיט אים אַן אייצע. מעלדן זיך מיט דער וואַרעניע, צי ניין. שטאַרבן ווילט זיך קיינעם ניט, נאָר אַריבּ אָפּגעבן די איינציקע האָפענונג, וועלן זיי דאָך אַלע שטאַרבן פון הונגער! און צוריקגערעדט, ווידוי האָט ער דאָך שוין סיַוּוי אָפּגעזאָגט, וואָס זשע דאַרף ער איצט כאַפּן צוריק? און דאָך... ווען מע האָט שוין געגומען אוועקפירן די ייִדן, וואָס זייַנען אוועק אין א זייַט, האָט מייַן מענדל־עליע אויסגעשריגן:

— נעמט מיך אויך מיט, איך האָב פינף פּוד אייַנגעמאַכטס.

— שפּעט זיך געכאַפּט, — האָט זיך אָנגערופן איינער א באַנדיט און דערלאַנגט אים מיט דער ביקס אין פּלייצע. — געוועזן געדאַרפט פריִער זאָגן.

וואָס איז געשען דערנאָך און וויאַזוי דאָס איז געשען, האָט אַפילע מייַן מענדל אַליין אויך ניט געקענט דערציילן. מע האָט טאַקע אָנגעהויבן שיסן פון אַלע זייַטן, אַזוי אַז יעדערער האָט געקענט מיינען, אַז מע שיסט אין אים, נאָר די קוילן האָבן קיינעם ניט געטראָפן. מע האָט געשאָסן אינדערלופטן. דערנאָך האָט דער אַטאַמאַן אויסגעשריגן:

— אַנטלויפט, זשידעס, אייַער דעך זאָל דאָ ניט זייַן.

אַזוי איז ער אַרייַנגעלאָפן אין שטוב אַרייַן, מייַן מענדל, אין טאַלעס־און־טפילין, בלייך, ווי די וואַנט, און קוים וואָס ער דערכעט. איז מיר אַליין אויך שיר די נעשאָמע ניט אַרויס.

— מענדל, ווי איז מיר, וואָס איז געשען?

— שאַ, רייזיע, — רעדט ער קוים אַרויס און טוט זיך א כאַפּ מיט דער האַנט באַם האַרצן. — מיר האָבן א גרויסן גאָט. און מיר דאַרפן צוויי מאָל בענטשן גוימל. ווייַל ער האָט מיר אָפּגעראַטעוועט סייַ דאָס לעבן, סייַ דאָס אייַנגעמאַכטס...

נו, מיילע, מייַן מענדלען ווייסט איר דאָך, באַ אים באַקומט זיך שטענדיק אַלץ קאַפּויר. נאָר אַקעגן וואָס האָב איך דאָס אייַך דערציילט? יאָ, אַקעגן דעם, וואָס מייַן מענדל איז שטענ־

דיק געווען שלים-שלימאזל. נאָר געוואָלט דערציילן האָב איך גאָר וועגן עפּעס אנדערש. וועגן דער זאַגראַדילקע. שוין געווען בא אונדז די רויטע אַרמיי, פאַר די באַנדעס האָבן מיר שוין ניט געהאַט וואָס מוירע צו האָבן, נאָר קיין פּאַרנאָסע איז ניט געווען. ווער האָט דאַן געדאַרפט אונדזער קוואַס? און כּוץ אַלעמען, קאָכן קוואַס דאַרף מען האָבן פון וואָס. הערט א מייַסע, דער מאַרק איז לעבן דער שטוב, און ס'איז ניטאָ בא וואָס א קאָפּיקע פאַרדינען. זאָג איך צו מייַן מענדלען: „נעם הייב אָן שפּעגעלירן". — „מיט וואָס?" — פרעגט ער. „איך ווייס מיט וואָס? מיט לאַקרעץ, מיט קעבעבע, מיט דער רוער ווייסט וואָס, אַבי פאַרדינען אַף א שטיקל ברויט. עפּעס שפּעגעלירן דאָך אַלע, פאַרוואָס זאָלסטו ניט פּרוּוון?"

שפּעגעלירט האָט מען בא אונדז דעמאָלט מיט צוויי זאַכן: מיט צוקער און מיט זאַלץ. הייַנט האָט מען פאַר א פּוּד צוקער געגעבן צוויי פּוּד זאַלץ, און מאָרגן פאַרקערט: פאַר א פּוּד זאַלץ האָט מען געקענט קריגן צוויי פּוּד צוקער. און דער גאַנצער סייכל דערבייַ איז געווען — אַרומדרייען זיך א גאַנצן טאָג אַף דער בירזשע, זיך אונטערהערן, וואָס מע רעדט, אָנשמעקן דאָס, וואָס מע דאַרף, דערפילן, פונוואַנען און וווהין דאָס ווינטל בלאָזט און אָנטאַפּן דעם דויפּעק. דאָס הייסט, דערוויסן זיך, וואָס לוינט הייַנט קויפן, וואָס פאַרקויפן און וואָס אַף וואָס אויסבייַטן. מענטשן, געדענק איך, זייַנען רייַך געוואָרן פון יענע שפּעגעליאַציעס. נאָר ניט מייַן מענדל. ער איז ניט געווען פון יענע אונטערהערער און פון יענע אָנשמעקער. און מיטן ווינטל האָט ער זיך שטענדיק טויע געווען. א שפּעגעליר געטאָן א פּאָר מאָל, געפּאַטערט די לעצטע קאָפּיקע, אַרייַנגעקראָכן אין א גרויסן כויוו, און אויס. זאָג איך ווידער צו אים: „אויב די טויגסט זיך ניט אויס אַף שפּעגעלירן, ווער א מעקלער. ווערסט עמעצן עפּעס אויסמעקלערן, וועסטו אויך עפּעס פאַרדינען".

ווערט מייַן מענדל מאָלע-רעציכע:

— א מעקלער? איך זאָל ווערן א מעקלער? דעם דריטן טאָג א שטיקל ברויט, נאָר קיין מעקלער ווער איך ניט. דאָס

איז טויזנט מאָל ערגער פֿון א שפּעגעליאַנט. א שפּעגעליאַנט שטעלט כאָטש עפּעס איַין, און א מעקלער מוז זײַן א ליגנער, אַן אפערריסט, א וואָס אין דער קאָרט. ער מוז לויבן אין טאָג אַרײַן א סכוירע, וואָס טויג אַף טויזנט קאַפּאַרעס. און בא אונדז אין דער טוירע שטייט געשריבן...

— וואָס אין דער טוירע שטייט געשריבן, ווייס איך ניט ערגער פֿון דיר, — ווער איך שוין אויך בייז. — נאָר פֿון דעם וועסטו זאט ניט ווערן. ווי זאָגט מען עס, פֿון אלכעט ווערט מען ניט פעט...

איז מײַן מענדל שוין אַרײַן אין אן אמביציע און האָט טאַקע עפּעס צוגעטראַכט. ער וועט ניט זײַן ניט קיין שפּעגעליאַנט און ניט קיין מעקלער. ער וועט צופאָרן קיין הײַסין, קויפן עטלעכע קרענץ ציבעלעס און אז גאָט וועט וועלן, וועט ער פאַרדינען דערבײַ אַף מאַצעס.

אײַ, די הײַסינער ציבעלעס!.. זיי זײַנען געווען באַרימט איבערן גאַנצן קאַנט. האַלעמײַ זאָל איך ליגן זאָגן, עס טרעפט אויך איצט, אז איך קריג אַמאָל א קרענצל ציבעלעס, אַזויגס ווי אַזעלכס, נאָר ווי קומען זיי צו יענע הײַסינער ציבעלעס.

וואָלט אַלץ געווען גוט. נאָר גיי זײַ א נאָווי. גיי ווייס, אז מײַן מענדלען האָבן געצויגן צו זיך ניט אזוי די ציבעלעס, ווי דער טוטין. ער האָט געקלערט בײַסמײַסע קריגן א פּאָר פּעקלעך טוטין. אָדער כאָטש א פּעקעלע, טאַקע נאָר איין פּעקעלע מאַכאָרקע. ווײַל בא מײַן מענדלען איז א ציגאַר געווען בילכער פֿון א ראָסלפליש. אָן א ראָסלפליש האָט ער נאָך געקענט דורכקומען, אָן א ציגאַר איז ער געווען אויס מענטש. ס'איז פּאַשעט א ראַכמאָנעס געווען צו קוקן אַף אים, ווי ער גייט אַרום א גאַנצן טאָג ווי א צעדולטער און האַלט אין איין דרייען מיט די פינגער. עס כאָלעמט זיך אים, אז ער פאַרדרייט א ציגאַר. באַגעגנט ער עמעצן אין גאַס, שטרעקט ער אויס די האַנט און רײַבט ווידער איין פינגער אין אַנדערן: ס'הייסט, עפּשער האָט איר פאַררייכערן. מיר איז א ביזאָיען געווען פאַר זיך אַליין, ווען ער איז, ווי יענע שנעקלעך, אַרומגעגאַנגען איבערן מאַרק, צונויפגעקליבן די ניט־דעררייכערטע אָפּשניצ־

לעך. איך האָב אים געזידלט, געשראָקן, נאָר ס'האָט גאָרנישט ניט געהאָלפֿן. און דאָ האָט ער זיך אַרײַנגענומען אין קאָפּ אַרײַן: ער וועט צופֿאָרן קיין הײַסין קויפֿן עטלעכע קרענץ ציבעלעס און קריגן אַ פּאָר פּעקלעך טוטין. נאָר אַז מע זאָגט שלימאַזל...

געקומען קיין הײַסין, אײַנגעקויפֿט אַ פֿולן זאַק ציבעלעס, און טאַקע וואָלוול אויך, בײַ אונדז איז צוויי מאָל טײַערער, נעם זשע, נאַרישער ייִד, דעם זאַק אויף די פּלייצעס און צוריק אויף דער סטאַנציע. נײַן, לאָזט ער זיך ערשט איבערן מאַרק זוכן טוטין. און אַז מע זוכט, געפֿינט מען. נעם זשע, שלימאַזל, פֿאַרוק דעם טוטין צווישן די ציבעלעס אַזוי, אַז קיין שום רועך זאָל דאָס ניט געפֿינען. אויף דעם האָט אים קיין סייכל ניט געשטײַעט. נו, איר געדענקט דאָך יענע צײַטן, מיט די מעשאָטשניקעס און מיט די זאַגראַדילקעס. אויף דער סטאַנציע האָבן זיי איבערגעטרייסלט בײַ אַלעמען די פּעק מיט די זעק, צי מע פֿירט ניט דאָס, וואָס מע טאָר ניט. אַן עפּן געטאָן מײַן מענדלס זאַק, האָט דער רויטאַרמייער פֿון דער זאַגראַדילקע גלײַך דערזען דעם טוטין. און טוטין איז געווען דאָס סאַמע טרייפֿסטע. טוט דער רויטאַרמייער אַ פֿרעג בײַ מײַן מענדלען:

— וואָס פֿירסטו?

— ציבעלעס, — ענטפֿערט מײַן מענדל.

— טוטין! — שרײַט אויס דער רויטאַרמייער.

און מײַן מענדל טײַנעט זיך זײַנס:

— ציבעלעס! ווי איך בין אַ ייִד!

אַ וואָרט אַהין, אַ וואָרט אַהער, ציבעלעס — טוטין, טוטין — ציבעלעס, דער רויטאַרמייער האָט באַפֿוילן מענדלען נעמען, בימכילע, דעם זאַק און גיין מיט אים. צונויפֿגענומען אַ מענטשן צען אַזעלכע סאָכרים און אַוועקגעפֿירט. גייט מײַן מענדל אין געהאַקטע ווונדן און בעמט, ווי שטענדיק אין אַ סאַקאַנע, זיך אויסטײַנען מיטן אייבערשטן. ער וויל וויסן, וואָס וועט זײַן מיט אים. צי וועט מען נאָר צונעמען דעם זאַק, צי מע וועט אים אַליין אויך אײַנזעצן. ווײַל אויב נאָר דעם זאַק, איז מיילע, אַ שיינע־ריינע קאַפּאָרע. ער איז ביז איצט ווי־ניט־איז אויסגעקו־

מען אָן א ציגײַער, וועט ער זיך צומוטשען נאָך א ביסל. אײַ, מאַצעס אף פּייסעך? וועט דער אייבערשטער מוזן צוטראַכטן עפּעס אַנדערש. נאָר אויב, כאָלילע, מע וועט אים אליין אײַנזעצן, איז ווידער דאָס זעלבע. מוז ער כאָטש וויסן אף וויפל, צי וועט ער באַווײַזן אף פּייסעך אהיים און קענען פּראַווען דעם סיידער קעהילכאָסוי? נו, צוגעקומען צו עפּעס א מאַגאַזין, וואָס לעבן דער סטאַנציע, האָט מען געהייסן זיי אוועקלייגן די פּעק, געפרעגט יעדערן, ווי מע רופט אים און פונוואַנען ער איז, און גאַנץ לײַטיש אויסגעשריבן א קוויטאַנציע אף דעם, וואָס בא אים איז רעקווירירט געוואָרן.

פאַרנאַכט, איך טו א קוק, מײַן מענדל איז שוין דאָ צוריק. עפּעס צו גיך זיך אָפּגעפּאַרטיקט, און עפּעס צו א גרינגער פאַרשוין. האָט מיר שוין אָנגעהויבן קלאַפּן דאָס האַרץ.

— נו, וואָס זשע הערט זיך עפּעס? — פרעג איך בא מײַן מענדלען און פיל, ווי עס הייבט מיט מיר אָן אונטערוואַרפּן, ווי אין א קאַדאָכעס.

— גאָט צו דאַנקען, רייזיע, איך האָב געמיינט, איך וועל שוין אף פּייסעך אינדערהיים ניט זײַן.

— אף מײַנע סאָנימס קעפּ! און וווּ זײַנען די ציבעלעס?

— אָט דאָס איז דאָס דאָך, — ענטפערט ער א ביסל טאַמעוואַטע, — צוגענומען.

— וואָס הייסט צוגענומען? ווער און פאַר וואָס?

— איבערן טוטין.

— וועלכן טוטין?

— וואָס זשע, ווייסט ניט? איך האָב געקויפט צוויי פּעקלעך טוטין. אָט...

און ער טוט מיר א ווײַז די קוויטאַנציע.

נו, די קוויטאַנציע האָט ער מיר געקענט ניט ווײַזן. סײַווי קען איך ניט איבערלייענען, וואָס דאָרט איז אָנגעשריבן. נאָר פונדעסטוועגן, ווײַבאַלד מע האָט ארויסגעגעבן א קוויטאַנציע, איז דאָס שוין עפּעס ווערט. כאַפּ איך די קוויטאַנציע און לויף אוועק צו א שכיינע. איר יינגל לערנט זיך אין דער אוקראַיִנישער שול. האָט ער מיר איבערגעלייענט.

— מענדל, — טײַנע איך צו אים, — ביסט דאָך געפאָרן נאָך ציבעלעס, וואָס זשע האָסטו געקויפט טוטין?

— כ'האָב געקויפט ציבעלעס.

— אָט איז דאָך אין דער קוויטאַנציע אָנגעשריבן!

— ציבעלעס, — טײַנעט ער זײַנס...

— דו ביסט טאַקע זיכער, אַז ציבעלעס? — ווער איך שוין ווײַכער.

— וואָס מיינסטו? עפּעס בין איך משוגע צי כאָסערדייע?

— אויב אַזוי, — זאָג איך, — פֿאַר איך מאָרגן קיין הײַסין.

— גאָט באַהיט, רײַזיע! מע דאַרף בענטשן גוימל, וואָס איך בין אַרויס פֿון זייערע הענט. אײניקע האָט מען אײַנגעזעצט.

— ווײַבאַלד מע האָט דיך ניט אײַנגעזעצט, וועט מען מיך אויך ניט אײַנזעצן. איך גלייב ניט, אַז די זאַגראַדילקע זאָל צונעמען בײַ אַן ערלעכן מענטשן אַ ביסל ציבעלעס.

גענומען די קוויטאַנציע און אוועקגעפֿאָרן קיין הײַסין. אָפּגעזוכט דעם מאַגאַזין, וועגן וועלכן מענדל האָט מיר דערציילט, און גלײַך אָנגעטראָפֿן אויף אַ רויטאַרמייער מיט אַ ביקסל. הייב איך אים אָן דערציילן די געשיכטע פֿונעם אָנהייב ביזן סאָף, נאָר ער שטייט, ווי ניט אים מיינט מען. אַ טויבער מאַלעך. ווײַז איך אים שוין די קוויטאַנציע. דרייט ער זי אַהין, דרייט זי אַהער, און איך הייב שוין אָן טראַכטן, אַז ער ווייסט אין די קליינע אויסיעלעך ניט מערער פֿון מיר. דערנאָך ערשט רופֿט ער זיך אָן:

— איך קאָן דיר גאָרניט העלפֿן. מע דאַרף צוגיין אין טשעקאַ.

דערהערט וועגן טשעקאַ, ווערט מיר אַ ביסל קאַלעמוטנע אויפֿן האַרצן. אַלײן האָב איך זי קיינמאָל אין די אויגן ניט געזען, נאָר אין שטעטל האָט מען אָנדערציילט וועגן איר פֿאַרשיידענע געשיכטעס. נאָר וואָס דאַרף איך מוירע האָבן פֿאַר דער טשעקאַ? עפּעס בין איך אַ פֿאַבריקאַנט, כ'האָב אייגענע מילן, צי גוראַלניעס, צי איך האָב צו טאָן מיט גאָלד? קיין ספּעקולאַנטקע בין איך אויך ניט, קיין באַנדיטקע אוואַדע ניט, וואָס

זשע דאַרף איך מוירע האָבן פאַר דער טשעקאַ? אַזוי רעד איך איַין זיך אַליין, רעכן זיך אויס דעם אייגענעם ייִכעס און ווער בא זיך אַ ביסל פעסטער. מיט איין וואָרט — רייזיע, האַלט פאַסאָן!

גיי איך איבער היַיסין, שטעל אַלעמאָל אָפּ אַן אַנדער מענטשן און פרעג זיך נאָך, ווו איז דאָ ערגעץ די טשעקאַ. זיַינען אָבער אונדזערע ייִדן ניט קיין פאַרגינערס, און יעדערער מוז וויסן, ווער בין איך, פונוואַנען שטאַם איך און וואָס פאַר אַ מעכוטענעסטע בין איך מיט דער טשעקאַ. מוז איך שוין יעדערן דערציילן אינקורצן די געשיכטע. לאַכן זיי פון מיר, זיי מיינען, אַז דאָס האָב איך אויסגעטראַכט, וואָסי, די טשעקאַ האָט ניט קיין בילכערע זאַכן, זי זאָל האָבן צו טאָן מיט אַ זאַק ציבעלעס?

געקומען אין טשעקאַ, אויסדערציילט דעם דעזשורנע מייַן ייִכעס, אַז קיין מילן מיט קיין גוראַלניעס האָב איך ניט, מיט קיין גאָלד קיינמאָל ניט ספעקולירט און אין קיין באַנדע קיינ־מאָל ניט געווען, געוואָרן פון דעם אַלעמען פעסט בא זיך און זיך אָנגערופן:

— פירט מיך שוין אַוועק צום סאַמע גלאַוונע נאַטשאַלניק.

— וואָס דאַרפסטו דעם נאַטשאַלניק?

און דער דעזשורנע — עפּעס גאָר אַ שנעקל. וואָס זשע, זאָל איך אים אויך אָנהייבן דערציילן די געשיכטע וועגן די ציבעלעס? וועט ער מיך גליַיך אַוועקטריַיבן. מאַך איך אַ בייזע מינע און רוף זיך אָן:

— דאָס איז אַ גרויסער סאָד. און דאָס קאָן איך זאָגן נאָר דעם נאַטשאַלניק אַליין.

באַקוקט מיך דאָס באָכערל פון קאָפּ ביז די פיס, ווער בין איך עס און וואָס פאַר אַ סוידעס קאָן איך האָבן. איך האָב גע־מיינט, אַז באַלד וועט ער מיך נעמען אָפּן צימבל און מיך כאַפּן בא אַ ליגן. נאָר אַז עס דאַרף געשען אַ נעס... האָט ער מיר אָנגעהויבן דערקלערן:

— וועסט דורכגיין דריַי גרויסע צימערן, און אָפּן פערטן וועט זיַין אַ טאַבליטשקעלע. דאָרט איז דער נאַטשאַלניק.

און אויסגעשריגן אזוי, אז מע זאָל הערן אין אלע דרײַ צימערן:

— דורכלאָזן צום נאטשאלניק!

גיי איך שוין איבער די דרײַ גרויסע צימערן, און עס נעמט מיך באפאלן א שרעק. אין יעדן צימער — א מענטשן צען. ווער עס שרײַבט מיט דער פען, ווער עס קלאפט אף א מאשינקע, און אלע זײַנען אזעלכע סטאטעטשנע און אזעלכע שטרענגע. און בא אלעמען, אפילע בא די מיידלעך, באַמבלט זיך בא דער זײַט א שפײַער. גיי איך, רעכן אויס אין זיך מײַן יכעס און פיל, ווי יעדער אייווער ציטערט אין מיר. גאָטעניו, טראכט איך מיר, וואָס האָט דיר נאָך געטויגט א טשעקא? קארג צאָרעס אף דער וועלט אָן איר? אָט אזוי בין איך דורך אלע דרײַ צימערן, צוגעקומען צום פערטן, דערזען דאָס טאבליטשקעלע, גלײַך פארשטאנען, אז דאָ דארף זײַן דער נאטשאלניק, א ריס געטאָן פאר פאכעד די טיר און א זאָג געטאָן אף רוסיש:

— זדראסטיע!

איך האָב ניט געקענט פארשטיין, פארוואָס האָט דער נאטשאלניק זיך דערשראָקן פאר מיר. צי דערפאר, וואָס ער איז געווען שטארק פארטאָן אין זײַנע איניאָנים, צי מעגלעך, ער איז אזוי זיצנדיק געשלאָפן. זיך א ריס געטאָן פונעם בענקל, א כאפ געטאָן דעם נאגאן און אָנגעהויבן שרײַען:

— ווער איז דאָרטן, ווער דרייט זיך דאָרטן ארום? ווו זײַנען זיי?..

ער שרײַט און קוקט אזוי אף מיר און א ביסל דורך מיר מיט זײַנע רויטע, ניט-אויסגעשלאָפענע אויגן. ער קוקט אף מיר, און איך קוק אף אים. און עס קומט מיר אפן געדאנק, אז די טשעקא דארף זײַן גאָר ניט אזוי שרעקלעך, אויב דער נאטשאלניק זייערער איז אזא. איך זאָל זאָגן שטארק אויסגעצערט, איז ניין. נאָר די באקן שטארק אײַנגעפאלן, און די אויגן, פארקערט, די אויגן שפארן ארויס, ווי בא א מענטשן מיט שטארקע קאָפ-שמערצן. דאָס לעדערנע רעקל זײַנס איז שטארק אָפגעריבן, און דאָס העמדל אונטער דעם... אוי, טראכט

איך מיר, ווען ער גיט א טו אויס דאָס העמדל, איך זאָל עס א וואַש טאָן מיט מײַנע הענט!

א ריב געטאָן די אויגן איין מאָל און צוויי מאָל, א ביסל ארויס פונעם שלאָף און דערזען פאר זיך א פּאָשעטע ייִדענע, האָט ער זיך, אפּאַנעם, פארשעמט פאר זײַן גוואַלדעווען און גלײַך געוואָרן ווייכער.

— נו, שא, מומע, שא. דערציי̆ל, ווער ביסטו און ווי קומסטו אהער.

ס'איז מיר אליין געווען א ביסל פריקרע, ווי ער בעט בא מיר מעכילע.

— פארשטייסט, מומע, ניט קיין טאָג און ניט קיין נאכט... איין באַנדע נאָך דער אַנדערער... און דו ווער ביסט, ניט בראַדסקיס א מעכוטענעסטע?

נו, שפּאַסן קען איך ניט ערגער פון אים.

— ניין, זאָג איך, מיט בראַדסקין קער איך זיך גאָרנישט ניט אָן, ניט מיט בראַדסקין, ניט מיט וויסאָצקין און אפילע ניט מיט אונדזער כאַשטשעוואַטער גווירל מאָטל בראָווארנע.

— וואָס זשע טוסטו דאָ?

ווי̆ל איך אים אויסרעכענען מײַן ייִכעס, אז קיין מילך האָב איך ניט, קיין גוראַלניעס אויך ניט, נאָר ער האָט מיך איבערגעשלאָגן:

— קירצער, קירצער.

— קירצער איז אזוי. מײַן מענדל־עליע האָט געקויפט אין הײַסין ציבעלעס, האָט מען זיי צוגענומען, ווי טוטין.

— לײַגסטו! — האָט ער אויסגעשריגן און א קלאַפּ געטאָן אין טיש.

נאָר איך זע ישוין, אז וואָס צו שרעקן האָב איך זיך ניט און ענטפער אים אָפּ רויִק:

— וואָס דארף איך לײַגן? ווען איר קענט מײַן מענדל־עליען... ער גייט מאַמעש אויס נאָך א ציגײַער טוטין. האָט ער געקויפט א זאַק ציבעלעס און דערצו א פּעקל טוטין. טיפּעש איינער, זאָג איך אים, וואָס האָסטו ניט פארוקט דאָס פּעקל אזוי, אז קיין שום זאַגראַדילקע און קיין שום רועך זאָל עס

ניט קענען געפינען? נאָר ווייסט איר דאָך, מײַן מענדל! ער שרײַט: „ציבעלעס", און דער רויטארמייער שרײַט: „טוטין". אָט האָט איר די קוויטאַנציע.

באַקוקט ער די קוויטאַנציע, דרייט זי אַהין, דרייט זי אַהער און רעדט שוין ווידער אַ ביסל רויִקער:

— איז וואָס, מומעניו, ציבעלעס?

— און ווי מיינט איר, ווען ס'איז, כאַלילע, טוטין, וואָלט איך אַזוי געיאָגט אין טשעקאַ?

און גראָד מיט דעם האָב איך אים גענומען. ווידער מיך באַקוקט פון קאָפּ ביז די פיס, ווידער אַ ריב געטאָן דעם שטערן און זיך צעשמייכלט:

— ביסט טאַקע גערעכט, מומע.

גענומען די קוויטאַנציע, עפּעס אָנגעשריבן אויף דעם און זיך אָנגערופן:

— וועסט דורכגיין אין דריטן צימער, ווײַזן די קוויטאַנציע, וועט מען דיר אָנשרײַבן...

וואָס האָט מען מיר דאָרטן ערשט געדאַרפט אָנשרײַבן, ווייס איך ניט, ווײַל ער האָט ווידער אַ נעם געטאָן די קוויטאַנציע, פאַרמעקט דאָס, וואָס ער האָט נאָרוואָס אָנגעשריבן, און גענומען שרײַבן עפּעס אַנדערש.

— פאַרשטייסט, מומע, אָנהייבן אַרומגיין נאָך רעזאָליוציעס, וועט בא דיר דער טאָג אַוועק. איז אָט, נא דיר גלײַך. דאָ איז אָנגעשריבן, מע זאָל דיר אומקערן די ציבעלעס מיטן טוטין. גיי גלײַך אויפן סקלאַד. וועסט זאָגן, גאָלובצאָוו האָט באַפוילן.

כאַפּ איך שוין דאָס פּאַפּירל, און מיר איז ביז הײַנט אַ בייזאָיען, וואָס איך בין אַוועק אָן אַ זײַ-געזונט, אַפילע פאַרגעסן אָפּדאַנקען, געכאַפּט דאָס פּאַפּירל און ווידער צום מאַגאַזין. איך ווײַז דעם רויטאַרמייער דאָס פּאַפּירל, פירט ער מיך אַרײַן אינווייניק, און איך דערקען גלײַך מײַן זאַק. דאָרטן איז טאַקע מער ניט געווען, ווי מײַן זאַק, מיט נאָך עפּעס אַ קעסטל.

— נו, פאַרנעם דיר דײַנע פּעקלעך, — רופט ער זיך אָן

צו מיר, — רייניק אַפּ דעם מאגאזין, און לאָמיך אופּהערן דאָ צו סטאַרטשען.

— איך האָב דאָ נאָר אַ זאַק, — דערקלער איך אים.

— וואָס הייסט נאָר אַ זאַק? אָט, גאָלובצאָוו אַליין האָט אָנגעשריבן: אומקערן די ציבעלעס מיטן טוטין. פאַרנעם דיר דײַנע זאַכן און לאָז מיך צורו.

ווייס איך שוין גאָרניט וואָס צו זאָגן. צי שפּאַסט ער פון מיר, צי איז דאָס אַ נײַ שפּיצל פון דער טשעקאַ. ווער איך אויך קלוימערשט בארויגעז:

— וואָס ווילסטו פון מיר? ווי קאָן איך טראָגן אַזעלכע צוויי פּעק?

רופט ער אַרויס אַ צווייטן רויטאַרמייער און טוט אים אַ זאָג:

— וועסט נעמען אָט די פּעק און העלפן אָט דער בירגערן זיך אופזעצן אפן באַן. גאָלובצאָוו האָט באַפוילן.

דעם גאַנצן וועג האָב איך געוואָרט, עס זאָל אַרײַנקומען עמעצער פון דער זאַגראַדילקע און איך זאָל אים ווײַזן די קוויטאַנציע מיט גאָלובצאָווס רעזאָליוציע. איז קיינער ניט אַרײַנגעקומען און קיינער האָט וועגן גאָרנישט ניט געפרעגט.

געקומען אַהיים, אַן עפּן געטאָן דאָס קעסטל — גאָט מײַנער, עפּשער הונדערט פּעקלעך מאַכאָרקע. מײַן מענדל־עליע שטייט, האַלט אין איין ציטערן, און איך הער, ווי די ציין זײַנע הערן ניט אויף צו קלאַפּן.

— אַ נעס פון גאָט, — רופט ער זיך אָן און הייבט עפּעס אָן שעפּטשען, גלײַך ער מאַכט אַ בראָכע. — רייזיע, ס'איז אַ נעס פון גאָט.

— און עפּשער פון דער טשעקאַ? — זאָג איך צו אים.

— רייזיע! זינדיק ניט, רייזיע! און זאָלסט וויסן, צען פּעקלעך מאַכאָרקע פאַרקויף איך מאָרגן און גיב אַוועק דאָס געלט אַף מאָעסכיטן. אַף מאַצעס פאַר אָרעמעלײַט.

וואָס זאָל איך אײַך זאָגן? אַדאַנק דער טשעקאַ האָבן מיר געהאַט אַ פײַנעם פּייסעך, און ס'איז אונדז נאָך געבליבן געלט אַף אַ פּאָר זעקלעך קלײַען. און מיר האָבן ווידער אָנגעהויבן קאָכן קוואַס.

אמעריקאנער
ייִדישע
פּאָעזיע

АМЕРИКАНСКАЯ
ЕВРЕЙСКАЯ
ПОЭЗИЯ

Во второй половине XIX века массы евреев двинулись из Восточной Европы в Америку, «золотую страну» — «голдэнэ мэдинэ». Они надеялись найти там спасение от притеснений и погромов, бедности и безысходности, царивших на их старой родине. Америка представлялась страной богатств и неограниченных возможностей, страной, где «улицы вымощены золотом». Мало кто из эмигрантов представлял себе, что ожидает их по ту сторону Атлантики. Евреи столкнулись с новыми, часто неожиданными для них проблемами. Они должны были приспосабливаться к новому обществу, осваивать новый язык, тяжелым трудом зарабатывать себе на жизнь.

Неудивительно, что первое поколение еврейских поэтов, писавших на американской земле — Морис Розенфельд, Иосиф Бовшовер, Морис Винчевский, Давид Эдельштадт,— стали певцами еврейского пролетариата, наемных рабочих, с утра до ночи трудившихся в «светшопах» — мастерских, в основном в текстильной и обувной промышленности. Стихи этих поэтов печатали в основном газеты, выходившие на языке идиш. Еврейская пресса начала бурно развиваться в США в 1880-е годы XIX в. и ежедневный тираж газет достигал 700 тыс. экземпляров. Газеты выражали интересы различных антибуржуазных

движений — социалистов, коммунистов, анархистов. Основными темами еврейской поэзии конца XIX века стали протест против эксплуатации и тяжелых условий жизни рабочих, описание их труда и быта. Большое влияние на эстетику американской пролетарской еврейской поэзии оказали взгляды Чернышевского, Писарева, Бакунина, Кропоткина.

Новое поколение эмигрантов, приехавшее на рубеже XX века, привезло с собой новых поэтов. В основном это были молодые люди, покинувшие свой старый дом в возрасте до 20 лет и стремящиеся активно участвовать в жизни новой родины. Они прошли другую литературную школу, восприняли традиции и принципы европейской поэзии и её новейших направлений и отвергали политическую и идеологическую ангажированность пролетарских поэтов.

В 1907 году начал выходить новый литературный журнал «Ди юнге» — «Молодые», в котором участвовали Мойше-Лейб Гальперн, Мани Лейб, Г. Лейвик, Авром Рейзен, Иосиф Опатошу, Иосиф Рольник и др. Несмотря на то, что в жизни большинство из «молодых» занимались тяжелым ручным трудом и не были в состоянии вырваться из бедности, в литературе они стали подлинными эстетами. Они высоко ставили совершенство формы, законченность и глубину образа, и стремились к независимости литературы от политики. Несмотря на различные европейские влияния — поэзии Гейне, русского и французского символизма, новейшей немецкой поэзии — группа «Ди юнге» стала глубоко американским по духу литературным явлением. Средой этих поэтов был «нижний ист-сайд» — район Нью-Йорка, где сосредоточилась вся литературная

жизнь на языке идиш. В небольших артистических кафе на Ист-Бродвее велись жаркие споры и обсуждения всех новейших явлений мировой литературы. Новая еврейская поэзия стремилась занять свое место в мировой литературе. «Ди юнге» оказала определенное влияние и на еврейскую литературу в России, особенно на «киевскую группу» — на Давида Бергельсона, Переца Маркиша, Давида Гофштейна.

Однако вершиной еврейской поэзии в США многие исследователи считают поэзию другого направления, пришедшего на смену группе «Ди юнге». В 1919 году в Нью-Йорке вышел альманах «Ин зих» — «В себе», и с 1920 по 1940 год выходил журнал под этим названием. Так возникло название нового направления — «инзихисты», или «интроспективисты». Манифест, опубликованный в альманахе, был подписан тремя ведущими фигурами этого направления — Яковом Глатштейном, Ароном Лейелесом и Н. Минковым. Они писали: «Для нас все — личное. Войны и революции, еврейские погромы и рабочее движение, протестантизм и Будда, еврейская школа и крест, выбора мэра и дискриминация нашего языка,— все это может касаться или не касаться нас, точно так же, как какая-нибудь блондинка и наше собственное волнение могут занимать или не занимать нас. Если что-то нас трогает, мы пишем о нас самих, потому что все существует только в той мере, в которой оно есть в нас, в какой оно воспринимается «интроспективно», т.е. внутренне».

«Инзихисты» стремились выразить мир во всей его сложности и фрагментарности, не приукрашивая и не упрощая его. Они отвергали основные ценности, провозглашенные «молодыми»,

и тяготели к свободному стиху, разговорной интонации и ритму. Они отказывались от эстетизации действительности и искали её адекватного отображения, преломленного через собственное восприятие. Впрочем, граница между литературными направлениями была условной, и прежние «молодые» — Мойше-Лейб Гальперн и Г. Лейвик — писали в двадцатые годы стихи, которые можно с полным основанием отнести к «интроспективной» поэзии. Поэзия «интроспективистов» имеет отчетливые черты англо-американского модернизма — нарочитую фрагментарность, недосказанность, ироничность. Вместе с тем она выражает стихию еврейского языка, его внутренний строй и интонацию. Поэты писали об окружающей их жизни, о своих переживаниях. Их темами стали отчужденность человека в огромном Нью-Йорке, идиллические или иронические воспоминания о своей прежней родине — местечках Польши, России, Галиции. В конце 30-х и, особенно, в 40-е годы на передний план выходит тема трагедии евреев в Европе — здесь и ужас, и создание собственного бессилия, и ощущение вины перед своими братьями за собственную безопасность. Особенно сильно эта тема звучит в послевоенных стихах Якова Глатштейна, по общему признанию, лучшего американского еврейского поэта этого времени.

После 50-х годов еврейская поэзия в Америке постоянно приходит в упадок. Идиш все больше уходит из жизни американских евреев, и новые эмигранты уже не столь привязаны к нему. Вместе с тем и сейчас существуют отдельные издания на языке идиш и их авторы.

מײַן ייִנגעלע

איך האָב אַ קליינעם ייִנגעלע,
אַ זונעלע גאָר פֿײַן.
ווען איך דערזע אים, דאַכט זיך מיר,
די גאַנצע וועלט איז מײַן.

נאָר זעלטן, זעלטן זע איך אים,
מײַן שיינעם, ווען ער וואַכט;
איך טרעף אים טאָמיד שלאָפֿנדיק,
איך זע אים נאָר בײַנאַכט.

די אַרבעט טרײַבט מיך פֿרי אַרויס
און לאָזט מיך שפּעט צוריק;
אָ, פֿרעמד איז מיר מײַן אייגן לײַב,
אָ, פֿרעמד מײַן קינדס אַ בליק!

איך קום צעקלעמטערהייט אַהיים,
אין פֿינצטערניש געהילט.
מײַן בלייכע פֿרוי דערציילט מיר באַלד,
ווי פֿײַן דאָס קינד זיך שפּילט,



Морис Розенфельд (**1862—1923**) родился в Польше, в 1886 году эмигрировал в США, работал портным. Главные темы поэзии Розенфельда — тяжелый труд еврейских рабочих в цехах и мастерских, трагедия человеческих чувств в жестких условиях жизни. Он стал первым еврейским поэтом, получившим известность за пределами еврейской литературы.

ווי זיס עס רעדט, ווי קלוג עס פרעגט:
„אָ, מאמע, גוטע מא,
ווען קומט און ברענגט א פעני מיר
דער גוטער, גוטער פּאַ?"

איך שטיי בא זײַן געלעגערל
און זע און הער, און — שאַ!
א טרױם באװעגט די ליפּעלעך:
„אָ, וווּ איז, וווּ איז פּאַ?"

א פלוים

אין קילן אָוונט האָט דער באַלעבאָס
פון בוים א ריַיפע פלוים אַראָפגעריסן
איניינעם מיטן בלאַט, און איַינגעביסן
די טוייִק בלויע הויט. האָט פון זיַין שלאָס

דער שלאָפנדיקער זאפט געטאָן א גאָס
מיט קילן שוים. און צו פארשליסן
איר גאַנצן זאפט — א טראָפן ניט פארגיסן —
האָט ער פאמעלעך, ווי מע טראָגט א קאָס

מיט וויַין, אין ביידע פולע הענט די פלוים
געבראַכט דעם וויַיב און אײדל צוגעטראָגן
צו אירע ליפּן. האָט זי מיט א ליבן

„א דאַנק" — פון זיַינע הענט גענומען נאָגן
די פלוים. ביז אין די הענט איז אים פארבליבן
די הויט, דאָס ביינדל און צעקלעקטער שוים.

Мани Лейб (Брагинский) (1883—1953) родился в Нежине, на Украине. Переехал в США в 1905 году, работал на обувной фабрике. Один Из самых ярких поэтов группы «Ди юнге». Для его творчества характерны стремление передать различные оттенки своих чувств, поиск мелодии языка. Он также много переводил с русского и украинского языков, и влияние русского символизма чувствуется во многих его стихотворениях.

אינדיאַנער זומער

דער שײַטער־הויפֿן פֿון מײַן אינדיאַנער זומער
אין טראָפּנס גאָלד און ריִנגען רויך דערברענט.
דעם לעצטן שטערנקויל א שטומער און א פֿרומער,
אין אַש פֿאַרשאַר איך מיט פֿאַרברוינטע הענט.

און נאַכט און דערפֿער. אַף לעוואָנעדיקע פֿלייטן
די גרילן שפּילן טרויער אַף מײַן זעל.
אַף ווײַסן גראָז בא אופֿגעבלויטע פֿלויטן
די קירבעסן ווי די לעוואָנעס געל.

און ביימער — בלויער וואקס — אין קילער הוילקײַט שטראלן
ווי גלײַכע ליכט, ווי פֿאָרכטיקע פֿאר גאָט.
און שטילקײַט צייכנט שארף פֿון וועלקן בלאט דאָס פֿאלן,
און שארפֿער נאָך דער אומרו פֿון מײַן טראָט.

באם יאם

דער יאם איז אָפן, ברייט און טיף —
איך שטיי באם יאם אליין.
איך זע פון ברעג דאָרט וויַט אַ שיף
אין וויַטע לענדער גיין.

איך קוק איר נאָך. די זון פארגייט,
דער נעפּל וואקסט. דער ווינט
מיט נאכט און קעלט אין פּאָנעם ווייט.
די וויַטע שיף פארשווינדט.

דער יאם איז פינצטער. גרויס און טיף
און רוישט בא מיַינע פיס, —
א גוטע נאכט, היי, וויַטע שיף,
אין וויַטע לענדער גריס!

זיי...

זיי זיַינען דאָרט, אוי, גאָט, געווען אַ סאך, א סאך
אזעלכע לעבעדיקע און אזעלכע בראווע,
אזעלכע שטאלטנע, בערדיקע און קוטשעראווע —
און מיט אַ וואונדערלעכער אויסטערלישער שפּראך.

און זינגען פלעגן זיי פון אונטער יעדן דאך
אזעלכע האָפערדיקע לידער און טשיקאווע:
פון מיילעך עלי-מיילעך און דער שיינער פּאווע,
מיט מייביר-סידרע-טראָפּ און צימבלען פון טאנאך.

נאָר איבער זייער קאָפּ — די זון האָט נאָר געזען
די רויע גוואַלד, דעם קאַלטן מעסער באַם רעצייעך,
ווי ער איז איבער זיי אַראָפּ, מיט ווילדן קויעך,

און סאַראַ מערדעריי איז דאָרט געווען!
איצט זײַנען זיי אַ זייכער נאָר פון יענעם גוואַלד:
אַ צוויי־דרײַ ביימער פון אַן אויסגעהאַקטן וואַלד.

אויפשריפט אף מײַן מאַצייווע

דאָ ליגט הירש איציס זון מיט שערבלעך אף די אויגן,
באַגראָבן אין טאַכריכים, ווי אַ שיינער ייִד,
ער איז אף אונדזער וועלט ווי אף אַ יאַר־יאַריד
אַראָפּ צופוס פון ווײַטן ישעוו ניט־געשטויגן

פאַרקויפן ווינט. ער האָט אף וואָגשאָל אָפּגעוויגן
זײַן האָב־און־גוטס אַ סויכער־מויכער אַ יאַריד;
און איז צו אַ ליכט־בענטשן אַהיים געקומען מיד,
ווען ערשטע שאַבעס־שטערן האָבן שוין פאַרצויגן

דעם הימל אף זײַן ייִשעוו איצטער אַלע ייִדן.
איצט ליגט ער דאָ. זײַן קייווער־ערד מיט גרינעם מאָך
איז אַ מעכיצע צווישן אים און גרויער וואָך,

און צווישן טומל פון יאַריד און שאַבעס־פרײַדן.
און היפּשע רעשטן ווינט, וואָס איז נאָך אים פאַרבליבן,
האָט ער אין זײַן צוואָע קינדער אָפּגעשריבן.

Memento Mori

און אז מוישע־לייב, דער פּאָעט, וועט דערציילן,
אז ער האָט דעם טויט אױף די כוואַליעס געזען,
אזויווי מע זעט זיך אליין אין א שפּיגל,
און דאָס אינדערפרי גאָר, אזוי ארום צען —
צי וועט מען דאָס גלייבן מוישע־לייבן?

און אז מוישע־לייב האָט דעם טויט פונדערווײַטן
באגריסט מיט א האנט און געפרעגט ווי עס גייט?
און דאפּקע בײַס ס'האָבן מענטשן פיל טויזנט
אין וואסער זיך ווילד מיט דעם לעבן געפרייט —
צי וועט מען דאָס גלייבן מוישע־לייבן?

און אז מוישע־לייב וועט מיט טרערן זיך שווערן,
אז ס'האָט צו דעם טויט אים געצויגן אזוי,
אזויווי עס ציט א פארבענקטן אין אָוונט
צום פענצטער פון זײַנס א פארהייליקטער פרוי —
צי וועט מען דאָס גלייבן מוישע־לייבן?

און אז מוישע־לייב וועט דעם טויט פאר זיי מאָלן
ניט גרוי און ניט פינצטער, נאָר פארבן־רײַך שיין,
אזויווי ער האָט ארום צען זיך באוויזן
דאָרט ווײַט צווישן הימל און כוואַליעס אליין —
צי וועט מען דאָס גלייבן מוישע־לייבן?

Мойше-Лейб Гальперн (1886—1932) родился в Восточной Галиции, подростком переехал в Вену, где начал писать и публиковать стихи на немецком языке. В 1908 году принял участие в знаменитой Черновицкой конференции, и в том же году переехал в Нью-Йорк. В 1921—1924 работал в коммунистической газете «Фрайхат», приобрел широкую известность как «пролетарский поэт». Разделяя критический пафос коммунистов по отношению к несправедливостям американской действительности, всегда оставался скорее сторонником анархизма. В своих стихотворениях Гальперн творил гротескный мир, причудливо отображая в нем окружающую его действительность, населяя его сказочными персонажами, один из которых — поэт Мойше-Лейб.

מיר, די רעוואָליוציאָנערן!
אָדער ס׳אמעריקע

ער האָט זיך אזוי לאנג גענארט,
אז ער איז אוואנגארד,
ביז ער האָט זיך אליין דעם קאפעליוש פון שטרוי
אָנגעצונדן אפן קאָפ,
און אָט אזוי —
מיט אויסגעשפרייטע הענט
און מיט „גוואלד, סע ברענט!״

איז ער די טרעפּ אראָפּ.
איז איטלעכער אין גאַס, וואָס האָט אים אָנגעטראָפן,
מיטגעלאָפן —
אויך מיט אויסגעשפּרייטע הענט,
און מיט „גוואלד, סע ברענט".
האָט לעבן מיר מײַן פרײַנט מיט מויל און אויגן
ווײַט־צעעפנטע צו מיר זיך צוגעבויגן
צו הערן, וואָס איך זאָג.
האָב איך א וואַרף געטאָן דאָס שטיקל קיכל
און אָפּגעווישט אפגיך זיך מיט א טיכל —
פּאָנעם, שטערן, נאָז —
באַם קאווע־גלאָז,
און אויך ארויס מיט אויסגעשפּרייטע הענט.
האָט מיך מײַן פרײַנט (שפּעטער מיט א טאָג)
באַגעגנט
און געפרעגט, פארוואָס איך האָב זיך ניט געזעגנט,
און פארוואָס איך האָב פארגעסן
אין רעסטאָראַן באַצאָלן פאר מײַן עסן.
האָב איך געענטפערט: „רעוואָליוציאָנערן".
האָט ער אף דעם א לאַך געטאָן
און האָט געזאָגט: „גרויסארטיק".
האָב איך דאַך שוין געזען, אז ער איז א פּאַדלייעץ:
האָב איך, פארשטייט זיך, אים דערפאר דערלאַנגט
א יעץ
אזוי ווי מע דאַרף —
און אים געלאָזן וויסן קורץ און שאַרף —
אז מיר זײַנען שוין מיט אונדזער פרײַנטשאפט פארטיק.

אין גאָלדענעם לאַנד

צי דעד וואָלסטו, מאַמע, מיר גלייבן געוואָלט,
אז אלצדינג בא אונדז ווערט פארוואַנדלט אין גאָלד,
אז גאָלד ווערט פון בלוט און פון אײַזן געמאַכט,
פון בלוט און פון אײַזן באַטאָג און באַנאַכט?

— מײַן זון, פֿאַר אַ מאַמען באַהאַלט מען זיך ניט, —
אַ מאַמע דערקענט און אַ מאַמע פֿילט מיט.
מיר דאַכט זיך, אַז דו האָסט קיין ברויט צו דער זאַט
אויך דאָרט, אין דעם גאָלדענעם לאַנד, ניט געהאַט.

— אוי מאַמע, מײַן מאַמע, צי פֿאַלט עס דיר אײַן,
אַז ברויט באַ אונדז וואַרפֿט מען אין וואַסער אַרײַן
דערפֿאַר, ווײַל עס גיט אונדז אַזוי פֿיל די ערד,
אַז ס׳הייבט אָן פֿאַרלירן די גאָלדענע ווערט?

— איך ווייס ניט, מײַן זון, נאָר עס ווייִנט מיר מײַן הארץ ·
דײַן פּנים זעט אויס, ווי די נאַכט אַזוי שוואַרץ,
און שלעפֿערדיק פֿאַלן די אויגן דיר צו,
אַזויווי באַ אײנעם, וואָס כאַלעשט נאָך רו.

— אוי מאַמע, מײַן מאַמע, דו האָסט דאָך געהערט
פֿון באַנען, וואָס יאָגן זיך אונטער דער ערד.
פֿאַרטאָג שלעפּט די באַן פֿון געלעגער אַרויס
און שפּעט אָפּדערנאַכט ברענגט זי ווידער אין הויז.

— איך ווייס ניט, מײַן זון, אָבער טיף איז מײַן וווּנד:
איך האָב דיך אַוועקגעשיקט יונג און געזונט —
מיר דאַכט זיך, אַז נעכטן ערשט איז עס געווען,
און הײַנט מוז איך ווידער אַזוי־אַ דיך זען.

— וואָס צאַפּסטו מיר, מאַמע, פֿון האַרצן דאָס בלוט?
צי פֿילסטו דעם גאַרנישט ווי וויי דאָס מיר טוט?
וואָס ווייִנסטו, מײַן מאַמע, צי זעסטו דען אויך,
ווי איך, אַזאַ וואַנט אַזוי פֿינצטער און הויך?

— ווי זאָל איך ניט ווייִנען, מײַן זון, איבער דיר?
פֿאַרגעסן אָן גאָט און פֿאַרגעסן אָן מיר.
איצט איז דיר דאָס אייגענע לעבן אַ וואַנט,
וואָס שטייט דיר אין וועג אין דעם גאָלדענעם לאַנד.

— גערעכט ביסטו, מאַמע, מיר זײַנען צעשיידט.
אַ גאָלדענע קייט... און אַן אײַזערנע קייט...
אַ גאָלדענער שטול — אין הימל פֿאַר דיר,
אין גאָלדענעם לאַנד — אַ טליִע פֿאַר מיר.

קאָל־נידריי

דער אלטער קלאָון פון קאראכאמבא
פלעגט אריַינבראָקן ציבעלעס אין דער קאווע.
מיר איז אומעטיק, — דערצייל איך מיר דאָס
מיט דעם ניגן „קאָל־נידריי" אין דער פינצטער.

ווי מאָדנע ער האָט מיט די רויטלעכע אויגן
געפינטלט בא דעם ליימענעם טעפל;
מיט א פראָסטן הילצערנעם לעפל האָט ער
די ציבעלעס מיט קאווע געגעסן.

און זיבן טעג, הארבסט־רעגן אין פענצטער
קענען אזוי אָן טויט נישט דערמאָנען,
ווי די אָרעמקייַט, וואָס האָט געיאָמערט,
פון זיַין יעדן זופ ארויסגעיאָמערט.

איך וועל גיין, ווו די אָווטס זיַינען געגאנגען, —
האָט דאָס אָפענע מויל געזאָגט צום לעפל, —
מיַין וויַיב באלייַקא איז אויך שוין דאָרטן,
איך וועל גיין, ווו די אָוועס זיַינען געגאנגען.

די שטיקלעך ציבעלע אפן לעפל
האָבן ארויסגעזען, ווי צעבראָכענע פערל;
נאָר זיי האָבן דערמאָנט אויך אָן טאבעק־פארגעלטע
דארע פינגער אף א צימבל.

אין א קלייד פון זיבן מאָל זיבן איילן
האָט באלייַקא אנטקעגנגעטאנצט איר כאָסן.
וואָס וויינסטו, קלאָון פון קאראכאמבא,
דאָס איז דאָך בלויז מיַין קאָל־נידריי־ניגן.

דאָס ליימענע קאווע־טעפל איז ווארעם,
אזויווי מיַין הארץ, וואָס איז בלינד־געבוירן;
און די ציבעלע, די אריַינגעבראָקטע,
איז הארב, ווי מיַין אומעט אין דער פינצטער.

דער פויגל

קומט צו גיין א פויגל מיט א קוליע אונטערן פליגל
און פרעגט, פאַרוואָס איך האַלט די טיר אפן ריגל.
ענטפער איך אים, אז פאַרן טויער
שטייען גאזלאָנים אף דער לויער,
וואָס ווילן אויסכאַפּן דאָס שטיקל קעז,
וואָס איך האַלט באהאַלטן אונטער מײַן געזעס.

וויינט דער פויגל דורכן שליסל־לעכל
און דערציילט מיר, אז ער איז מײַן ברודער מעכל,
און זאָגט, אז איך האָב נישט קיין באַגריף
ווי ער האָט געליטן אף דער שיף,
וואָס האָט אים אַריבערגעבראַכט אהער.
אפן קרימען, — זאָגט ער, — געקומען איז ער.

זע איך דאָך שוין, וואָס דער פויגל איז אויסן,
לאָז איך אים טאַקע שטיין אין ־דרויסן.
דערווײַל אָבער, ווי עס מאַכט זיך א זאַך,
באַשליס איך בא זיך צו זײַן אף דער וואַך,
און איך שטופּ אַרונטער מײַן שטיקל קעז
נאָך טיפער אונטער מײַן געזעס.

מאַכט דער פויגל, ווי מײַן ברודער מעכל,
מיט א פליגל איבער די אויגן א דעכל
און ער שרײַט דורכן שליסל־לעכל אַרײַן,
אז אזוי זאָל דאָס מאַזל אים ליכטיק זײַן,
ווי ער האָט געזען דאָס שטיקל קעז, וואָס איך האָב,
און אז ער וועט דערפאַר מיר שפּאַלטן דעם קאָפּ.

זע איך דאָך שוין, אז סע ווערט נישט פריילעך,
רוק איך זיך צו צו דער טיר פּאַמעלעך
מיט מײַן בענקל און מיטן קעז,
וואָס איך היט אים אונטער מײַן געזעס,
און איך מאַך נישט, כאָלילע, קיין גוואַלד,
נאָר איך פרעג אים גלאַט אזוי, צי ס'איז קאַלט.

ענטפֿערט ער מיר, אַז ביידע אויערן
זײַנען בײַ אים אָפּגעפֿרוירן,
און ער שווערט מיר דערבײַ מיט אַ גרויס געוויין,
אַז ער האָט אין שלאָף בײַ זיך אַליין
אויפֿגעגעסן דעם פֿוס, וואָס אים פֿעלט.
און ווען איך לאָז אים אַרײַן, וואָלט ער מיר
דערציילט.

פֿאַרשטייט זיך, דערהערט דאָס וואָרט: געגעסן, —
האָב איך זיך דערשראָקן. שיר נישט פֿאַרגעסן
אָפּצוהיטן דאָס שטיקל קעז,
וואָס איך האַלט באַהאַלטן אונטער מײַן געזעס.
נאָר אַבי איך גיב אַ טאַפּ און ס'איז דאָ,
איז דאָך שוין ווידער קיין זאָרג נישטאָ.

מאַך איך אַ פֿאָרשלאָג, מיר זאָלן פּרובירן,
ווער עס וועט דאָס געדולד פֿאַרלירן:
צי איך, אין מײַן אייגן הויז בײַ מיר,
צי ער, אין דרויסן הינטער דער טיר.
ס'איז, דאַכט זיך, טשיקאַווע אַזוינס צו דערגיין,
אַפֿילע — זאָג איך — פֿאַר זיך אַליין.

און אַזוי איז עס טאַקע זינט דעמלט געבליבן.
און הײַנט איז שוין אַוועק אַ יאָר זיבן,
שרײַ איך גוט־מאָרגן צו אים דורך דער טיר,
שרײַט ער צוריק אַ גוט־יאָר צו מיר.
בעט איך זיך: ברודערקע, לאָז מיך אַרויס.
זאָגט ער: לאָז מיך אַרײַן אין הויז.

ווייס איך דאָך אָבער, וואָס ער איז אויסן,
לאָז איך אים ווײַטער שטיין אין דרויסן.
פֿרעגט ער מיך וועגן דעם שטיקל קעז,
וואָס איך היט עס אונטער מײַן געזעס.
דערשרעק איך זיך, גיב איך אַ טאַפּ. איז עס דאָ.
איז דאָך שוין ווידער קיין זאָרג נישטאָ.

7*

די פרייד פון יידישן וואָרט

אָ, לאָזט מיך צו צו דער פרייד פון יידישן וואָרט.
גיט מיר גאַנצע, פולע מעסלעסן.
פאַרקניפּט מיך, פאַרוועבט מיך,
טוט מיך אויס פון אַלע הייטלקייטן.
באַשפּייזט מיך דורך קראָען, שענקט מיר קרישקעס,
אַ געלעכערטן דאַך און אַ האַרטע בעט.
אָבער גיט מיר גאַנצע, פולע מעסלעסן,
לאָזט מיך נישט דאָס יידישע וואָרט
אויף אַ רעגע פאַרגעסן.

איך וועל שטרענג און געביטעריש
ווי די האַנט פון מיין פּאַרנאָסע.
די קאַפּהענער און דער שאַמפּאַניער.
אומפאַרדייען מיין צייט.
דאָס יידישע וואָרט ליגט פאַרשפּייכלערט,
דער שליסל זשאַווערט אין מיין האַנט.
מיין מעיושעוודיקער טאָג רויבט מיין פאַרשטאַנד.

אָ, זינג, דערזינג זיך צו נאַקעטער קנאַפּקייט.
די וועלט ווערט פעט אויף דיין געלעגער.
פאַר אייך ביידן איז באַלד קיין אָרט נישטאָ.
דאָס יידישע וואָרט אויף דיר. געטריי און שטום.
און דו זיפצסט אין געצונדענעם כאַלעם:
איך קום, איך קום.

Яков Глатштейн (1896—1971) родился в Люблине, получил религиозное и светское образование. В 1914 году эмигрировал в США. В 20-е годы становится профессиональным еврейским писателем и журналистом, пишет стихи, ведёт в различных изданиях , разделы литературной критики и культуры.

Поэзия Глатштейна всегда была экспериментом по созданию собственного языка. Кульминацией новаторского стиля стала книга «Идиштайчн», насквозь ироничная, полная неожиданной игры слов и смелого сочетания архаичных, диалектных и современных языковых пластов.

הארבסט

פֿייגל זינגען די ליד פֿון פֿריילעך-טרויער.
ווינטן-בויגנס פֿלאַטערן איבער האַרבסטיקע פֿעלדער.
געוועלדער רויטלען זיך.
בלעטער טויטלען זיך מיט פֿאַרצערטלטער בענקשאַפֿט.
ס'איז שטיל דער רויש און ווערטער-טויש
צווישן קליינע ווערעמלעך, וואָס ווינטשן זיך אַ
דערלעבט-איבעראַיאָר.
און אַלטער פֿעטער וואָרעם זיפֿצט אָפּ
און לעקט זיך דעם פֿליכעוואַטן קאָפּ מיט מויל-
הערעלעך:
איבעראַיאָר? הע, הע! איבעראַיאָר.

אַן אַלטער גוי קלעטערט מיט געמאָסטענע טריט
איבער דער האַרביקייט פון באַרג.
אין זײַנע אויסגעטרערטע אויגן פלעמלט בלוילעך קינע
אָפן טויט פון פאַרבן — ווי שיין זיי שטאַרבן.
ער הייבט די אויגן צום הימל.
זײַנע אויערן פאַרנעמען דעם געפליסטער פון בלום און בלאַט:

— דערלעבט איבעראַיאָר!
איבעראַיאָר? העי! העי! איבעראַיאָר.

אַ ייִדן

אַ ייִדן וועט נישט זײַן קיין ייִדישער גאָט.
גייען מיר, כאַלילע, אוועק פון דער וועלט,
פאַרלעשט זיך דאָס ליכט פון דײַן אָרעם געצעלט.
ווײַל זינט אוראָם האָט דיך אין וואָלקן דערקענט,
האָסטו אַף אַלע ייִדישע פּנימער געברענט,
פון אַלע ייִדישע אויגן געשטראַלט,
און מיר האָבן דיך געפורעמט אין אונדזער געשטאַלט.

אין יעדן לאַנד, אין יעדער שטאָט
איז מיט אונדז אויך געוועזן אַ גער
דער ייִדישער גאָט.
און יעדער צעשמעטערטער ייִדישער קאָפּ
איז אַ פאַרשעמטער, צעבראָכענער, געטלעכער טאָפּ,
ווײַל מיר זײַנען געווען דײַן ליכטיק געפעס,
דער וואָרצייכן פון דײַן מאַמאָשעסדיקן נעס.
איצט צײלן זיך אין די מיליאָנען
אונדזערע טויטע קעפּ.
ס'לעשן זיך אַרום דיר די שטערן.
דאָס געדעכעניש פון דיר ווערט פאַרטונקלט,
דײַן מאַלכעס וועט באַלד אופהערן.

דער גאנצער ייִדישער פּאַרזיי און פּאַרפּלאַנץ
איז פאַרבראַנט.
אַף טויטע גראָזן וויינען די טויען.
דער ייִדישער כאַלעם און די ייִדישע וואָר
— געשענדט

זיי שטאַרבן אינייִנעם.
ס'שלאָפן אייִדעס גאַנצע,
אייפּעלער, פּרויען,
יונגעלייַט און זקיינים.
אפילע דייַנע זייַלן, די פעלדזן,
די שטאַמיקע ל"ו,
שלאָפן א טויטן, אַן אייביקן שלאָף.
ווער וועט דיך כאָלעמען?
ווער געדענקען?
ווער וועט דיך לייקענען,
ווער וועט דיך בענקען?
ווער וועט צו דיר, אַף א פאַרבענקטער בריק,
אוועק פון דיר, קעדיי צו קומען צוריק?
די נאַכט איז אייביק פאַר א טויט פאָלק.
הימל און ערד אָפּגעווישט.
ס'לעשט זיך דאָס ליכט אין דייַן אָרעם געצעלט.
ס'פלעמלט די לעצטע ייִדישע שאָ.
ייִדישער גאָט, ביסט שוין באַלד נישטאָ.

א ייִנגעלע און א זעמעלע

א ייִנגעלע עסט א זעמל מיט פּוטער,
א קעצל קוקט אים אין די אויגן.
דאָס ייִנגעלע איז שלעפּע און הונגע.
איין אויג קלעפּט זיך.
די קאַץ האָט א גרויס גלעזערן אויג
און די נאַכט האָט דרייַ אָדער עפּשער פיר
גלעזערנע אויגן.

און די מאמע האָט און עק און לאַפּעס מיט נעגל.
זי טוט אים אויס און דראַפּעט.
זי איז גוט און דראַפּעט.
דער זעמל איז פֿינצטער, ווי די נאַכט,
פֿונדאַנעץ ביז אַהער און העט.
און די נאַכט איז אַ גלעזערנע.
אַ שוואַרץ פֿענצטער איז די נאַכט,
וואָס ליגט אויפֿן דיל און אין מאַמעס לידל.
מאָרגן וועט זײַן בעסער.
עס וועט זײַן אַ ביסל ליכטיק
און מע וועט נישט מוזן האָבן צו קוקן
דורכן קעצל־אויג צום דרויסן.

קאָמענטאַרן

נזאני לייב

אינדיאַנער זומער

אינדיאַנער זומער —	аналогично русскому «Бабье лето»
לעוואָנעדיקע [לבנהדיקע] —	лунные
קירבעס —	тыква

זיי...

מיילעך עלי־מיילעך [מילך אלי־מלך]	царь Эли-Мелех
מייביר־סידרע [מעביר־סדרה] —	специальная интонация и ударение при чтении Библии
טאנאך [תנך]	Библия, Ветхий Завет (аббревиатура) *от слов Тора, пророки, писания)*
רעצייעך [רוצח] —	убийца, разбойник
קויעך [כח] —	сила
זייכער [זכר] —	память, напоминание

אופשריפט אף מײַן מאצייווע

מאצייווע [מצבה] —	надгробный камень
טאַכריכים [תכריכים] —	саван
יאָר־יאַריד [יריד] —	ежегодная ярмарка
ייִשעוו [ישוב] —	поселение, деревня
ניט געשטויגן —	*зд.* «Небывалое» (*шутл.*)

סויכער־מויכער [סוחר־מוכר] —	купил — продал (*каламбур*)
יאדיד [ידיד] —	друг
ליכט־בענטשן —	обряд благословения субботних свечей при наступлении сумерек в пятницу вечером
שאבעס [שבת]־שטערן —	звезды, с появлением которых наступает суббота
קייווער [קבר] —	могила
מעכיצע [מחיצה] —	разделение
צאוואָע [צוואה] —	завещание

מוישע־לייב האלפערן

Memento Mori

Memento Mori	напоминание о смерти (*лат.*)
דאפקע [דווקא] —	именно, как раз
בייס [בעת] —	в то время, как

יאנקעוו גלאטשטיין

די פרייד פון ייִדישן וואָרט

מעסלעסן [מעת־לעת] —	сутки
קרישקעס —	крошки
רעגע [רגע] —	мгновение, миг
פּארנאָסע [פּרנסה] —	заработок, источник пропитания
קאפּהאָן —	каплун (*откормленный петух*)
פארשפּײַכלערט —	запертый в амбары
מעיושעוודיקער [מיושבדיקער] —	трезвый, рассудительный

הארבסט

גוי —	нееврей
קינע [קינאה] —	зависть

אָן יידן

כאָלילע [חלילה] —	не дай Бог
פּענעמער [פנימער] —	лица
גער [גר] —	*зд.* странник, пришелец
מאמאָשעסדיקער [ממשותדיקער] —	*зд.* подлинный, настоящий
נעס [נס] —	чудо
מאלכעס [מלכות] —	царство
כאָלעם [חלום] —	сон, мечта
איידעס [עדות] —	свидетели
אייפעלעך [עופהלעך] —	*зд.* дети
זקיינים [זקנים] —	старики
אפילע [אפילו] —	даже
ל״ו [לאמעד־וואָוו] —	36 скрытых праведников, существующие в каждом поколении, благодаря которым держится мир; сумма числовых значений букв «ламед» и «вов» —36
קעדיי [כדי] —	чтобы
שאָ [שעה] —	час

שאָלעם אש

מײַסעלעך פֿון כומעש

Шолом Аш

БИБЛЕЙСКИЕ ИСТОРИИ

די מאלאָכים בא אוראָמען

פון זײַן װײַב סאָרען האָט אוראָם נישט געהאט קיין קינדער, נאָר פון זײַן דינסט האַגאַר האָט ער געהאט איין זון יישמאָעלן. זייער א ווילדער יונג און א גראָבער איז ער געווען, האָט מיט אלע שכיי־נים געהאט צו טאָן, און אוראָם האָט געהאט פון אים פיל אגמעסנעפעש, האָט אוראָם געבעטן צו גאָט, אז ער זאָל אים א זון שענקען פון זײַן װײַב סאָרע. האָט אים גאָט געשיקט דרײַ מאלאָכים צו טרייסטן אים.

אמאָל איז געווען א הייסער זומער־טאָג. איז אוראָם געזעסן פאר דער טיר פון זײַן געצעלט און האָט אָפּגעוואַרט אָרכים, וואָס זאָלן צו אים ארײַנ־קערן און עפעס געניסן. האָט ער דערזען פון וועג אָנקומען דרײַ אָרכים. אוראָם איז געווען א גרוי־סער מאכנים אוירעך, און אלע רײַזנדע, וואָס זײַנען דורכגעגאנגען דעם וועג פארבײַ דעם געצעלט, ווו ער האָט געוווינט, האָבן אלע געמוזט בא אים אָפּ־שטעלן זיך עסן און איבערנעכטיקן. האָט ער אויך די דרײַ אָרכים ארײַנגעבעטן צו זיך אין שטוב ארײַן. די דרײַ אָרכים זײַנען אָבער געווען דרײַ מאלאָכים, נאָר אוראָם האָט ניט געוווסט דערפון און האָט זיי געהאלטן פאר מענטשן. האָט ער וואַ־

סער דערלאנגט און — ווי דער מינהעג איז דאן געװען — בא די אָרכים די הענט און די פיס געוואשן, דערנאָך האָט ער פלינק דעם טיש געגרייט אונטער א שאָטנדיקן בוים אין גאָרטן און איז מיט דעם יונג יישמאָעלן אין שטאל געלאָפן, א שעפּסל געקוילעט און דערלאנגט אפן טיש ברויט, פּוטער און קעז און געבעטן די אָרכים עסן. די אָרכים האָבן זיך געמאכט, ווי זיי וואָלטן געוועזן געגעסן. פאַרן אוועקגיין האָבן זיי אווראָמען געווונטשן, אז זיי זאָלן דערלעבן פון היינט אין א יאָר ארום צו זיין בא אים אף א סודע בא זיינעם א זון, וואָס ער וועט האָבן פון זיין ווייב סאָרע. סאָרע איז געוועזן אין געצעלט, און אז זי האָט זיך צוגעהערט דורך דער טיר, וואָס די אָרכים ווינטשן אים, האָט זי געלאכט. וואָרעם זי איז שוין געוועזן אן אלטע יידענע, און אווראָם איז שוין געוועזן אן אלטער ייד, — און אלטע לייט האָבן קיין קינדער נישט. האָט גאָט געזאָגט צו אווראָמען:

— וואָס לאכט דאָס סאָרע אזוי? בא גאָט איז דאָך אלץ מעגלעך.

און עס איז טאקע אזוי געוועזן. אין א יאָר ארום האָט סאָרע א זון געבוירן — האָט מען אים א נאָמען געגעבן יייצכאָק.

די דריי מאלאָכים זיינען אָבער פון דאָרט אוועק קיין סדאָם, בײכדיי די שטאָט כאָרעוו צו מאכן.

וואָרעם די שטאָט סדאָם איז געוועזן זייער א זינדיקע שטאָט, און די מענטשן זייער שלעכטע מענטשן, — מאכמעס דעם זאָגט מען אף א שלעכטן

מענטשן: „ער איז פון סדאָם". וואָס האָבן זיי געטאָן אזוינס? — לעמאָשל, אז עס האָט ווער אין סדאָם אן אוירעך צו זיך אהיים געבעטן און אים געלייגט נעכטיקן אין א בעטל אריַין — איז דאָס בעטל צו קורץ געווען פאר אים, האָט דער באלעבאָס באם אוירעך אויסגעצויגן די פיס אזוי לאנג, ביז זיי האָבן פונקט צוגעפּאסט צום בעטל; זיַינען אָבער די פיס געווען צו לאנג פארן בעטל — האָט ער זיי בא אים אָפּגעהאקט און צוגעפּאסט אזוי, אז ער זאָל פונקט קענען אריַין אין בעטל. און עס איז דאָרט געווען א מיידל, האָט זי אן אָרעמאן א שטיקל ברויט געגעבן. האָבן זיי גענומען דאָס מיידל, איַינגעטונקט זי אין א טונדל האָניק און אפן דאך ארופגעשטעלט. זיַינען געקומען צו פליִען די בינען און האָבן זי אופגעגעסן. אזוי שלעכט זיַינען די מענטשן געווען אין סדאָם. די פייגעלעך האָבן זיי געלאָזט אויסהונגערן, פאלן אין גאס פאר א קרישעלע ברויט. דערפאר האָט גאָט באשטימט די גאנצע שטאָט סדאָם אונ־טערצוברענגען.

אווראָם האָט אָבער דאָרט געהאט א קאָרעוו ווינען — לאָט מיט זיַין מישפּאָכע. יאָ א גוטער, ניט א גוטער — אזא גוטער, ווי מע קען זיַין אין סדאָם. האָט גאָט געזאָגט:

— איך וויל דאָ ברענגען איבער סדאָם אזא אומ־גליק, און מיַין פריַינט אווראָם זאָל איך גאָרנישט דערציילן דערפון?

האָט גאָט פארטרויט אווראָמען, אז ער האָט באַ־שטימט סדאָם אונטערצוברענגען. האָט אווראָם אָנ־געהויבן צו בעטן נישט בלויז פאר זיַין מישפּאָכע לאָט, נאָר אויך פאר דער גאנצער שטאָט: „עפשער

געפינען זיך דאָרט פופציק צאַדיקים, עפשער פער־ציק, עפשער צוואַנציק אָדער נאָר צען, וועסטו א שטאָט אונטערברענגען מיט צען צאַדיקים?" נאָר אפילע איינער האָט זיך אויך נישט געפונען אין סדאָם.

אז די מאלאָכים זײַנען קיין סדאָם אָנגעקומען, האָבן זיי זיך אין מארק אָפּגעשטעלט. איז געגאַנגען פארבײַ לאָט, אווראָמס קאָרעוו. דערזען פרעמדע אָרכים אין שטאָט, האָט ער זיי אהיים געבעטן צו זיך, זייער שיין זיי מעכאבעד געווען, וואסער דער־לאנגט, די פיס געהייסן וואשן, מאצעס געבאקן פאר זיי. אז די מענטשן פון סדאָם זײַנען געוויר געוואָרן, אז לאָט האָט אָרכים צו זיך אהיים גע־בעטן, האָבן זיי באלד ארומגערינגלט דאָס הויז, אָנגעהויבן צו קלאפּן אין דער טיר בא לאָטן און געשריִען:

— גיב אונדז דײַנע אָרכים ארויס — אנישט!..

איז לאָט צו זיי ארויס און האָט זיך אָנגעהויבן בא זיי בעטן:

— זיי זײַנען זייער אָנשטענדיקע מענטשן, די אָרכים, טוט זיי קיין שלעכטס נישט. זיי זײַנען מײַנע געסט, געקומען צו מיר אין שטוב ארײַן — און וואָס איר ווילט, וועל איך אײַך געבן דערפאר, אפילע מײַנע אייגענע טעכטער, נאָר די אָרכים לאָזט צורו!

האָבן זיי לאָטן אוועקגעשטופּט און געשריִען נאָך אף אים:

— א פרעמדער איז דאָ געקומען — וועט ער אונדז דערעכערעץ לערנען, פארציילן, ווי מיר דארפן זיך מיט פרעמדע באגיין?! אוועק פונדאנען!

האָבן זיי געוואָלט די טיר ברעכן, די אַרכים ארויסנעמען, זיי שלעכטס טאָן. האָבן אָבער די מאַ־לאָכים געגעבן א נעם אריַין לאָטן אין שטוב אריַין, און די מענטשן פון סדאָם, וואָס זיַינען געשטאַנען ארום טיר, האָבן זיי מיט בלינדהײַט געשלאָגן. האָט איינער אָנגעטראָטן אפן צווייטן, איינער געשלאָגן דעם צווייטן, — און די טיר האָבן זיי נישט געקאָנט געפינען.

זאָגן די מאלאָכים צו לאָטן אזוי:

— נעם אלע דיַינקע צוזאמען און קום מיט אונדז ארויס פון שטאָט. האָסטו טעכטער, האָסטו איידעמס — נעם אלע צוזאמען, וואָרעם מיר זיַינען געקומען די שטאָט כאָרעוו מאכן.

האָט לאָט צוזאמענגענומען אלע זין און טעכ־טער, שניר און איידעמס, און איידער עס איז פאָר־טאָג געוואָרן, האָבן זיי די מאלאָכים אָנגענומען בא די הענט און ארויס שטאָט געבראכט און אָנגע־זאָגט זיי, אז זיי זאָלן זיך נישט דערוועגן אומצוקוקן זיך זען, וואָס פון דער שטאָט ווערט, וואָרעם זיי קענען אויך מיט איר פארלוירן גיין.

האָבן זיי די מאלאָכים פלינק געכאפט און זיַינען אנטלאָפן מיט זיי אף א בארג ארוף הינטער דער שטאָט. האָט אָבער לאָטס וויַיב זיך נישט געקענט איַינהאלטן — זי איז געווען נײַגעריק צו וויסן, וואָס ווערט פון דער שטאָט — האָט זי זיך אומגעדרייט און אף דער שטאָט געקוקט. איז באלד פון איר א שטיק זאלץ געוואָרן.

דער פעטער ישמאָעל

אז יצחאָק איז געבוירן געוואָרן, האָט סאָרע פארלאנגט פון אווראָמען, אז ער זאָל פארטרייבן די דינסט האָגאָר מיט איר זון ישמאָעלן, — זי האָט מורע געהאט, אז איר יצחאָק זאָל זיך נישט אָפּלערנען פון ישמאָעלן בייזע מידעס. האָט אווראָם נישט געוואָלט איר פאָלגן, — עס איז אים געווען א ראכמאָנעס אף זיין קינד. נאָר אז סאָרע האָט אים פיל מאָל איבערגערעדט און אים נישט רוען געלאָזט, האָט ער איר נאָכגעגעבן. וואָס האָט ער געטאָן? ער האָט גענומען א לאָגל וואסער מיט א לעבל ברויט, האָט דאָס האָגאָר אף דער פלייצע געגעבן און דאָס קינד אין האנט אריין און האָט זי מיט ישמאָעלן פארטריבן פון דער היים.

עס איז געווען א שיינער פרימאָרגן, בעשאס האָגאָר מיט איר קינד זיינען אין דעם מידבער אוועק. אז זי איז מיד געוואָרן, האָט זי זיך אונטער א בוים געזעצט אָפּרוען און האָט אופגעגעסן מיט איר קינד דאָס לעבל ברויט און אויסגעטרונקען דעם לאָגל וואסער. דערנאָך זיינען זיי ווייטער געגאנגען. אז דאָס ברויט האָט זיך שוין אָבער געהאט אויסגעלאָזט, און קיין וואסער איז שוין נישט מער געווען, און דער יונג האָט געוואָלט טרינקען, האָט זי גענומען דעם יונג און אונטער א בוים אים ארונטערגעלייגט, און אליין איז זי אוועקגעגאנגען א ביסל ווייטער און אוועקגעשטעלט זיך אָפּקוקן, וואָס וועט פונעם קינד ווערן. האָט זי געהערט, ווי דער יונג וויינט און בעט זיך טרינקען — האָט עס איר מוטער־הארץ גערירט. האָט זי אָנגעהויבן צו וויי־

נען און צו בעטן פאַר גאָט: „גאָט, גאָט, זע מײַן נויט! מײַן הארנטע סאַרע האָט זיך צעבייזערט אף מיר, האָט מיך דער האר אווראָם פון שטוב ארויס־געטריבן, און איצט גייט מײַן קינד אויס פאַר א טרונק!”

האָט גאָט אף איר ראכמאָנעס געקראָגן און האָט צו איר א מאלעך אראָפּגעשיקט. איז דער מאלעך צוגעגאנגען צו איר און האָט איר אזוי געזאָגט:

— האָב נישט מוירע, האָגאָר! גיי, הייב אוף דעם יונג, גאָט וועט אים בענטשן, ער וועט נאָך ווערן א פּאָטער פון א גרויסן שטאם, ווײַל ער איז דאָך אור־ראָמס קינד.

און דער מאלעך האָט איר אָנגעוויזן א ברונעם — האָט זי גענומען דעם יונג און אָנגעטרינקט אים מיט וואסער. און זי האָט זיך דאָרט באזעצט באַם ברונעם מיט איר קינד.

דער יונג איז אופגעוואקסן און איז אין וואלד געגאנגען, האָט כּײַעס געפאנגען און דערפון זיך דערנערט. דערנאָך האָט ער כאסענע געהאט, קינ־דער געהאט, און פון אים זײַנען דאָס ארויסגעקומען אלע טערקן, וואָס געפינען זיך אף דער וועלט. מאכ־מעס דעם רופט מען אָן בא אונדז דעם טערק דער „פעטער ייִשמאָעל”, ווײַל אונדזער פעטער ייִש־מאָעל איז געווען דער פאָטער פון אלע טערקן.

АНГЕЛЫ В ГОСТЯХ У АВРААМА

Со своей женой Саррой не было у Авраама детей. Только со служанкой Агарь родился у него сын Исмаил. Мальчик рос диким и грубым, вечно ссорившимся со всеми соседями, что приносило Аврааму много страданий. Обратился он поэтому к Богу с просьбой: подарить ему с Саррой сына. Послал к нему Бог трех ангелов, чтобы те утешили его.

Стоял жаркий летний день. Авраам сидел у входа в свой шатер, ждал гостей, которые должны были придти к нему на угощение. Видит он, идут три гостя. Авраам был очень гостеприимным — все путники, проходившие мимо его шатра должны были у него поесть и переночевать, поэтому он пригласил к себе в дом и этих трех гостей. На самом деле это были три ангела, но Авраам не знал об этом и считал их людьми. Принес он воду и, как требовал тогда обычай, помыл гостям руки и ноги. Затем он быстро накрыл стол под тенистым деревом в саду и с юным Исмаилом побежал в овчарню, забил там барашка, а пока подал хлеб, масло и сыр, предложив гостям есть. Гости сделали вид, что они голодны. Уходя, пожелали они Аврааму дожить, чтобы через год могли они у него за столом отметить рождение Саррой сына.

Сарра была в шатре, но слышала, что гости желают её мужу. Эти пожелания вызвали у неё смех, ибо она была уже старухой, да и Авраам был стариком. А у стариков, как известно, детей не бывает. И сказал Бог Аврааму:

— Что это Сарра так смеется? Бог ведь может все.

Так это и случилось. Год спустя Сарра родила сына, которому дали имя Исаак.

От Авраама отправились ангелы в город Содом, чтобы стереть его с лица земли. Ибо весь город был грешен, да и люди там жили очень плохие. (Поэтому о плохом человеке говорят: «Он из Содома».) Что же они такого делали? Например, вот как в Содоме обращались с гостем, решившим переночевать у кого-нибудь из жителей города: хозяин, уложив гостя в кровать, или вытягивал ему ноги, если кровать оказывалась слишком длинной, или отсекал ему часть ног, если кровать была слишком короткой. Или другой пример. Жила в этом городе девушка, которая сжалилась над бедняком и дала ему кусок хлеба. Тогда жители Содома схватили её, окунули в бочку с медом и привязали на крыше дома. Слетелись пчелы и искусали девушку до смерти. Вот какими плохими были люди, жившие в Содоме. Даже птицы там были такими голодными, что умирали на улицах города, не дождавшись крошки хлеба, поэтому-то и решил Бог стереть город с лица земли.

У Авраама в этом городе жила родня — Лот со своей семьей. Был Авраамов родственник не лучше и не хуже других жителей Содома, но Бог сказал:

— Я хочу наслать на Содом погибель. Как же я могу об этом не поведать моему другу Аврааму?

Доверился Бог Аврааму и рассказал ему, что город Содом обречен. Стал Авраам тогда просить у Бога не только за семью Лота, но и за весь город:

— А если в городе живут пятьдесят праведников, или сорок, или двадцать, или даже десять? Что же ты уничтожишь город вместе с десятью праведниками?

Но даже одного праведника не удалось найти в этом городе.

Прийдя в Содом, ангелы остановились на базаре. Мимо проходил Лот, родственник Авраама. Увидев незнакомцев, пригласил он их к себе, принял их как гостеприимный хозяин: принес воды, повелел им ноги помыть, приготовить для них щедрое угощение. Когда жители Содома узнали о том, что Лот пригласил к себе незнакомцев, окружили они его дом, стали стучать в двери и кричать:

— Выдай нам твоих гостей, а не то!...

Вышел Лот к ним и стал их просить:

— Эти незнакомцы очень приличные люди. Не обижайте их. Они — гости моего дома. Требуйте чего угодно, хоть дочерей моих, но гостей оставьте в покое.

Оттолкнули они Лота, крикнув ему:

— Не тебе учить нас, как нам поступать с чужеземцами! Прочь с дороги,— и бросились к двери, чтобы выломать ее и расправиться с незнакомцами.

Но три ангела затащили Лота в дом, а всех тех, кто участвовал в осаде, поразили слепотой.

Стали они тогда толкать, бить друг друга так, что даже дверь они уже не могли найти.

И сказали ангелы Лоту следующее:

— Собирай своих и выходи с нами из города. Бери всех — дочерей, зятьев, ибо мы пришли, чтобы стереть город с лица земли.

Собрал Лот всех сыновей и дочерей, невесток и зятьев. Взяли их ангелы за руки и еще до рассвета вывели их из города, наказав им не оглядываться, не смотреть что станет с Содомом, иначе они могут тоже разделить его судьбу.

Взобрались они все быстро на гору. Но жена Лота не удержалась — уж очень ей хотелось увидеть что стало с городом — и она оглянулась. В ту же минуту превратилась она в соляной столб.

ДЯДЯ ИСМАИЛ

Когда родился Исаак, потребовала Сарра от Авраама, чтобы он прогнал служанку Агарь вместе с ее сыном Исмаилом. Она боялась, как бы ее Исаак не перенял дурные манеры Исмаила. Авраам не хотел слушать жену — жаль ему было своего ребенка. Но в конце концов, поняв, что Сарра не оставит его в покое, решил он послушать ее. Как он поступил? Взял он бурдюк с водой и буханку хлеба, взвалил это все на плечо Агари, подвел к ней ребенка и выгнал их из дому.

Утро было прекрасным, когда Агарь с сыном ушли в пустыню. Устав, сели они под дерево отдохнуть, съели буханку хлеба и выпили воду из бурдюка. Потом пошли они дальше. Хлеба больше не было, вода кончилась, а малыш снова за-

хотел пить. Посадила тогда Агарь своего сына под деревом, а сама спряталась поодаль. Ее материнское сердце разрывалось, когда она слышала плач и просьбы сына дать ему напиться. Она тоже заплакала и обратилась с мольбой к Богу:

— Боже, Боже! Обрати взор на мою беду! Моя госпожа Сарра прогневалась на меня, и выгнал меня мой господин из дому. А сейчас умирает мой сын от жажды.

Пожалел ее Бог и послал к ней Ангела. Тот подошел к ней и сказал:

— Не бойся, Агарь! Иди, подними сына. Бог его благословит, и он станет родоначальником большого рода, ибо он сын Авраама.

И Ангел указал ей, где колодец. Повела она сына и напоила его водой. Там же, возле колодца, она и поселилась вместе с сыном.

Мальчик подрос, стал ходить в лес на охоту, его добычей они и питались. Потом он женился, родились у него дети, и пошли от него все турки и родственные им народы, живущие ныне на земле. Потому-то и зовут у нас порой турка «дядя Исмаил».

ИЛЬЯ АБЕЛЬ

ЕВРЕЙСКИЙ НАПЕВ

До начала очередного концерта из цикла «Восточный салон» оставалось не так уж много времени, а той чье имя было заявлено на афише, до сих пор не было. Во всяком случае организатор вечера Тамила Джани-Заде, научный сотрудник Музея музыкальной культуры имени М. И. Глинки, снова и снова набирала номер телефона Полины Белиловской, а в зал никого не впускали, хотя впервые на концерте такого рода был аншлаг.

Вдруг между рядами прошла небольшого роста женщина, в шапке и пальто непомерных размеров, да еще с сумкой, ведя за собой сразу троих детей. Ее можно было принять за самую обычную зрительницу, если бы она не спросила: «Где здесь артистическая?» и не сказала, что именно она будет сегодня выступать на этой сцене.

Музыканты, репетировавшие до сих пор без солистки, успокоились. А она стала вынимать из своей сумки термос с чаем, шуршать пакетиками со всевозможной снедью и раздевать детей. Кстати, среди них только один, шестилетний Янкель, как она его называет, был ее ребенком. Двое других — соседские дети, которых она взяла в этот вечер с собой.

Прошло всего несколько минут, и вот Полина уже перед микрофоном, немного возбужденная ярким светом, направленным на нее. Как только она спела первую песню, начались аплодисменты, не прекращавшиеся практически на протяжении двух часов, пока шел этот удивительный музыкальный спектакль одной актрисы. Она сразу же покорила удивительной чистотой языка, ощущением его обертонов и подтекстов, милой непосредственностью, которая чувствовалась в ее жестах, в особой манере говорить и петь. Концерт завершился на очень трогательной ноте, когда на сцену вышли Янкель и его сверстница и все трое спели «Тум-балалайку». Полина любит вспоминать, как непросто ей всегда начинать любой концерт, как она беспокоится, что зрители не придут или не так что-то поймут. Но потом страхи оказываются напрасными и ее провожают восторженно. И концерт, о котором идет речь, отнюдь не исключение.

Однако, честно говоря, приходится сожалеть, что на фоне более именитых исполнителей еврейской песни имя Полины Белиловской не имеет той славы, которой достойно. Да, после каждого концерта ей говорят самые добрые слова, приглашают в гости, но о подлинной карьере певицы, о постоянной деятельности говорить не приходится, если не считать домашних концертов и нечастых выступлениях в сборных программах, посвященных тому или иному юбилею еврейской культуры. Правда, с каждым выступлением у нее становится все больше поклонников и среди тех, кто понимает и помнит, о чем она поет, и среди тех, для кого исполняемые ею песни — возвращение того, что по каким-то причинам утрачено.

Не слишком широкая популярность Полины Белиловской печальна тем, что в ее лице сегодня появилась поистине национальная певица, равная, возможно, Эдит Пиаф для французов. И дело не в том, что Полина столь же хрупка и обладает характерной еврейской внешностью, а в том, что поразительным образом, порой не слишком понятно, как это происходит, она выражает не только букву, но и дух народа, давшего ей опору в жизни и творчестве. И дело даже не в том, что она поет, хотя и это немаловажно, а то, как она это делает. Она поет то, что требует глубокого понимания не только содержания, но и подтекста. Не случайно перед каждым музыкальным номером Полина дает и прозаический перевод песни, и немного рассказывает о том, какие иторические, бытовые, этнографические реалии в ней отразились. Притом и подстрочник и комментарий лаконичны и по сути своей — тоже маленький спектакль.

...Однажды, во время религиозного праздника, Полина пришла в синагогу. Она прислушалась к тому, что пели люди, собравшиеся на синагогальном дворе. Песни были однообразны и количество их можно было сосчитать по пальцам. И Полина не устояла и показала на что она способна. И по праву, и по великому предназначению это, вероятно, был ее первый сольный концерт, после которого она поняла, что занятия ее музыкой и фольклором могут быть интересны не только ей.

С тех пор и началась ее певческая карьера, которая продолжается уже десять лет.

Петь она начала с пяти лет, занималась в музыкальной школе. Потом было музыкальное училище в родном ее городе Новороссийске и Пе-

дагогический институт в Москве, по окончании которого она стала дипломированным преподавателем музыки, что она и совмещает с выступлениями перед зрителями. Отличная музыкальная подготовка заметна и в аранжировках, которые по-новому представляют еврейский фольклор. Написаны они Олегом Белиловским, мужем Полины, и его постоянными партнерами на сцене — Сергеем Костюхиным и Александром Платоновым.

Возможно, кому-то может показаться немного нелепым, что еврейский фольклор, так сказать, по-цыгански звучит в сопровождении трех гитар. Но разве дело только в том, чтобы обязательно была скрипочка — не успокаивается Полина и начинает одну за другой доставать изданные за рубежом пластинки, где есть и гитарное сопровождение, и высочайший профессионализм. Так что дело не только во внешних приметах и аксессуарах. Можно найти хорошего скрипача, одеть ему на голову ермолку, а на лапсердак — белый талес, но все равно самая разудалая и любимая народом песня будет казаться вторичной, потому что она не прочувствована, не спета в своей истинной сути.

Но не только явным профессионализмом и ранним осознанием своего предназначения радует Полина Белиловская, но и редкой преданностью фольклору, чистотой помыслов и отсутствием какой бы то ни было конъюнктуры. Она поет фольклор не потому, что это сейчас стало модно. Ей эти песни необходимы были с детства. Именно тогда, пораженная, даже потрясенная гармонией и чувствительностью их, она просила у родителей и их знакомых, чтобы они помогли сделать перевод, просила рассказать не только

о песнях, но и обо всем, что с ними связано. Она росла в семье, где родители между собой при ребенке говорили на родном языке. И для нее двуязычие теперешнее — норма. По своей натуре Полина не просто музыкант-фольклорист, но еще и филолог, и этнограф, что соединено в ней удивительно и весомо. Это заметно и по тому, как она строит композиции своих сольных программ. В них есть и песни колыбельные, и то, что исполняется на свадьбах, так называемые трудовые песни, про портных, кровельщиков и всех, кто добывает себе хлеб насущный трудом. Есть и баллады, и притчи. Предпринимаемый Полиной вместе со зрителями экскурс в историю еврейского народа лаконичен и афористичен. Каждая страница фольклора — как тезис, как факт, в фокусе которого соединилось многое. Менее всего Полина стремится кого-то поразить. Ее путь — не вокруг, а вглубь, поскольку фольклор она представляет изнутри, и не перечисляя, а возвращая его сегодняшним дням.

Стоит сказать и о том, чему свидетелями становятся немногие зрители. Талант Белиловской своеобразно проявляется в постановках «Пуримшпила», которые она каждый год устраивает у себя дома. Причем, здесь она и режиссер, и исполнительница нескольких эпизодических ролей, и аккомпаниатор. И еще — все остальное, потому что две недели она только и думает об этом маленьком спектакле и ни о чем другом говорить не хочет. Кажется, что это ее бенефис. И по праву так оно и есть, в чем я сам мог убедиться.

Немного фантазии, и плюшевое одеяло стало мантией царя Артаксеркса, обычный журнальный столик — местом роскошной трапезы, а занавешенная книжная стенка — пологом, скрыва-

ющим покои дворца. В том спектакле, который я видел недавно, все главные роли, за редким исключением, играли дети. И очень серьезным казался Янкель Белиловский в белых одеждах и с дудочкой. Ему, как и его сверстникам, еще трудно было выговаривать имя Мордехая, зато сколько радости всем им доставляло участие в этом удивительном представлении. Не знаю, было у Полины в детстве нечто подобное, но думаю, что и «Пурим-шпил», где играют обычные городские дети, разучивая песни на родном языке и в своеобразной форме, знакомясь с историей своего народа, столь же значительное явление, как и ее концерты. Здесь имеется в виду и воспитательный момент, поскольку дети поют не всегда стройно и иногда забывают слова. Но то, что они сразу оказались в атмосфере родного языка и культуры своего народа, вряд ли пройдет для их будущего бесследно. И совсем не важно, станут ли они со временем певцами или нет, но росток подлинного заронен в их душах. И это прекрасно.

Сейчас у Полины Белиловской начинается новый этап и в жизни, и в творчестве. Возможно, что после затяжного ожидания, она решится полностью посвятить себя именно песне и ничему другому. Сын уже подрос и многие вопросы решаются легче, чем тогда, когда мальчик был совсем маленьким и всегда была проблема — с кем его оставить. Полина уверена в своих силах, знает на что способна, но все же несколько устала ждать, когда придет ее «звездный час». Она уже давно проснулась знаменитой, но, к сожалению, об этом не слишком догадывается или не до конца верит молве, которая приписывает ей настоящий и безоговорочный успех.

בריוו פון אויסלאנד

• • •

איך בין א סטודענט בא דעם אוניווערסיטעט אין ווין. מײַנע דיס־ציפּלינען זײַנען יודאַיסטיק (יידישע געשיכטע, טראַדיציע, פילאָסאָפיע, איווריט, אראמייִשע שפּראַך, ליטעראַטור — טאַלמוד, מידראַשים, באַהאַנדלט מיט די מעטאָדן פון הײַנטצײַטיקע הומאַניטאַרע וויסנשאַפטן), און געשיכטע. די לערן־פּראָגראַם איז א העבראַיסטיש אָריענטירטע, און אזויאַרום האָט יידיש נאָר דעם ראַנג פון א צוגאָב־פאַך. וואָס שײַעך מיך, איז מײַן אינטערעס צו דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור א גרויסער. איך האַלט, אַז די יידישע שפּראַך און די קולטור, וואָס איז און וועט ווײַטער געשאַפן ווערן אין איר, זײַנען אזוי רײַך, אַז די באַפאַסונג מיט זיי קען זײַן אַן אויפגאַבע פאַר א גאַנץ לעבן.

מיט צוויי יאָר צוריק האָב איך דורך א צופאַל געקראָגן א געלעגנהײַט זיך צו באַקענען מיט אײַער זשורנאַל, און ער איז מיר שטאַרק געפעלן געוואָרן. דערפאַר האָב איך זיך אַבאָנירט אויף „סאָוועטיש היימלאַנד״ און איך באַקום אים זינט אַפּרעל פאַריקס יאָר. פון דעמלט אָן האָב איך אין יעדן נומער געפונען אינטערעסאַנטס פאַר זיך און פאַר מײַנע כאַווײרים און כאַווערטעס, וואָס אינטערעסירן זיך אויך מיט דער יידישער קולטור. איך ווינטש דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד״ און זייערע מיטאַרבעטער ווײַטערדיקן דערפאָלג און שיינע אויפטוען אין זייער אַרבעט. אין אָט דעם ווונטש ליגט אויך א שטיקל עגאָיזם, וויבאַלד איך האָב מײַן אייגענעם אינטערעס פון א לייענער, איך זאָל יעדן כוידעש באַקומען א נײַעם אינהאַלט־רײַכן נומער פון „סאָוועטיש היימלאַנד״.

צי קען פאַרעפנטלעכן אײַער זשורנאַל אין א קומענדיקער אויסגאַבע פון „יונגוואַלד״ א קליינע מעלדונג:

א יונגערמאַן, 24 יאָר, וואָס שטודירט בא דעם אוניווערסיטעט פון

ווין, עסטרײַך, די לערנפּעכער — יודאַיסטיק (ייִדישע שפּראַכן און קול־טור) און אַלגעמיינע געשיכטע, זוכט בריוו־כאַווײרים און כאַווערטעס, וואָס שרײַבן אין ייִדיש. מײַן פּאָסטשט־אַדרעס איז:

Thomas Soxberger
Martinstr. 80
1180 Wien
Austria

טאָמאַס סאָקסבערגער

• • •

חשובֿע רעדאַקציע יונגוואַלד,

כ׳לייען מיט אינטערעס און הנאה אײַער פּובליקאַציע. ס׳איז אַ פֿײַנער אויפֿטו.

סע בעט זיך אָבער אַ דערגאַנצונג צו שלום קופּערשמידס פֿײַנעם כּלל־לינגוויסטישן, היסטאָרישן — דיִאַכראָנישן — איבערבליק יונג־וואַלד, נ׳ 3, (זז׳ 99—108) וועגן העלפֿווערבן בײַם פֿורעמען דעם עבֿר. כ׳האָב אין זינען דעם פֿעלנדיקן דיִאַלעקט־געאָגראַפֿישן אויסמעסט:

אַ פֿונדאַמענטאַל אַנדערשקייט בנוגע האָבן און זײַן אינעם לעבע־דיק גערעדטן, היסטאָריש געוואָרענעם ייִדיש איז אָט וואָס: אין „צפֿון־ייִדיש" (אָדער „צפֿון־מיזרח־ייִדיש"), דאָס הייסט, אינעם „ליטווישן ייִדיש", וואָס סע נעמט אַרום די הײַנטיקע ליטווישע, לעטישע און עסטישע רעפּובליקן, ווי אויך רײַסן (ווײַסרוסלאַנד) גילט „האָבן" בײַם פֿורעמען דעם עבֿר: „ער האָט געגאַנגען, האָט געפֿאָרן, האָט געלאָפֿן, האָט געקומען, האָט אָנגעקומען" און נאָך און נאָך. אפֿילו — „ער האָט געשטאָרבן".

אין דרום־ייִדיש, וואָס סע נעמט, ווי באַוווּסט, אַרום דרום־ייִדיש (אוקראַיִנע, באַסאַראַביע — די הײַנטיקע מאָלדאַווישע רעפּובליק, ווי אויך בוקעווינע און מאָלדעווע) און צענטראַל־ אָדער מיטן־ייִדיש (דאָס אַמאָליקע קאָנגרעס־פּוילן, גאַליציע און „טראַנסקאַרפּאַטיע" — טשעכיי, אונגאַרן, מאַרמעראָש און זימבערגן) גילט זײַן. אַזוי איז אויך אָנגענו־מען אינעם הײַנטיקן ליטעראַרישן ייִדיש: איז געגאַנגען, איז געפֿאַלן אאַ״וו.

דעם דאָזיקן דיאַלעקט־געאָגראַפישן אויסמעסט מוז מען געדענקען כדי צו האָבן א ריכטיק בילד פונעם לשון פון ייִדן, וואָס זיי רעדן פון דער היים מאמע־לשון. אז מע דערהערט פון אזא ייִדן, „האָט געגאַנגען״, „האָט געפאָרן״, טאָר מען נישט מיינען, אז ער קען נישט קיין ייִדיש. ער קען זייער גוט — ער רעדט זײַן היימיש לשון, און אזוי האָט ער (אָדער זי) געהערט אין זײַן (איר) ליטווישער היים: אין מינסק (די אלטע ייִדישע פאָרמע איז, אגב, מינצק) צי אין פינסק (פינצק), אין ווילנע צי גראָדנע, אין קאָוונע אָדער ביאַליסטאָק. שרײַבן „האָט געגאַנגען״, געוויינלעך, איז נישט אָנגענומען. אין משפחה־בריוו — מילא, אָבער אין געדרוקטע טעקסטן — נישט. אָבער סתם א גרײַז איז האָב געגאַנגען אויך נישט. ס׳איז בלויז א „ליטוויציזם״, א היסטאָריש אנטוויקלטע כאראַקטעריסטיק פונעם צפונדיקן ייִדיש.

מיט יישר־כּוח פאַר אײַער יונגוואלד־אויפטו.
אײַער

ד״ר מרדכי שעכטער
ניו־יאָרק

פּ. ס. פאַר די אָנהייבערס: געוויינלעך איז טײַטש נישט נאָר обыкновенно, נאָר אויך конечно. דאָ האָב איך עס געניצט ווי конечно.

פון דער רעדאַקציע. אונדז איז באַוווּסט די שטרענגקײַט, מיט וועלכער דאָקטאָר שעכטער באַציט זיך צו די פראַגן פון אָרטאָגראַפיע. דעריבער פאַרהיטן מיר דעם ייִוואָ־אויסלייג סײַ אין זײַן בריוו, סײַ אין דעם אווטאָרס נאָטיץ, וועלכע ווערט ווײַטער איבערגעדרוקט פונעם ניו־יאָרקער קוואַרטאַלניק „אויפן שוועל״.

OYF? AF?

די חברים דוד באָטווינִיק (מאָנטרעאָל), ד״ר זעליג ב״ק (לייקהוירסט, ניידזש), שלום יאפע (וועסט-אָראנדזש, ניידזש) און נאָך עטלעכע פרעגן די זעלביקע קשיא. מיט די ווערטער פון שלום יאפעס בריוו:

„איך זע, אז איר האָט געביטן די טראַנסקריפּציע: פון oyfn shvel אויף afn shvel צי מיינט עס, אז דער ארויסרעד oyf איז א גרייַז? צי זענען ביידע דערלאָזלעך? און אויב נישט, איז פאַרוואָס שרייַבט מען אויף?״

אונדזער ענטפער. פאַראַן צוויי באַזונדערע זאַכן: רעדן און שרייַבן. במילא — א רעד- און שרייַב-טראַדיציע. בייַ אַנדערע שפּראַכן, למשל ענגליש, איז פאַראַן א קאָלאָסאַלער הילוק צווישן לשון שבעל-פּה און צווישן לשון שבכתב. אין ייִדיש איז דער חילוק א סך קלענער, אָבער ער איז פאָרט א ממשותדיקער. מיר שרייַבן (זי) זינגט, אָבער רעדן עס ארויס (זינקט); מיר שרייַבן כאַפּן, אָבער רעדן עס ארויס (כאַפּם); מיר שרייַבן שוועגערין, אָבער רעדן עס ארויס (שוועגערן) — די יוד איז א שטומע. ווער עס רעדט עס ארויס לויטן געשריבענעם נוסח (זינגט, כאַפּן, שוועגערין), רעדט ייִדיש — ווי א גר.

פאַראַן אַן אַלטע שרייַב-מסורה, וואָס מיר האָבן זי בירושה פון דער רויוואַרגשפּראַך (דייַטשיש), אז סייַ די פּרעפּאָזיציע (אויף, א שטייגער: אויף דעם, אויפן), סייַ דעם קאָנווערב (אויפנעמען, נעם אויף) שרייַבט מען אַלץ איינס: אויף. אין דער אמתן איז דאָס א ביסל פאַרפּירעריש. דאָס גערעדטע ייִדיש — אז איר ווילט: דאָס אמתע ייִדיש — דיפערענצירט זייער קלאָר:

א) די פּרעפּאָזיציע ווערט אין מיזרח-ייִדיש (עסטלאַנד, לעטלאַנד, קאָוונער ליטע, רייַסן, אוקראַיִנע און באַסאַראַביע) ארויסגערעדט af (afn tish). אינעם קלאַסישן סאָוועטישן ייִדיש לייגט מען עס אפילו אויס: אַף, אַפן טיש; אינעם א ביסל געביטענעם אויסלייג פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד״ — אַף, אַפן טיש. אין די צוואַנציקער און דרייַסיקער יאָרן פלעגן אויך א היפּשע צאָל נישט-סאָוועטישע שרייַבערס

(אליעזר שטיינמארג, נפתלי גראָס א״א) אויסלייגן: אָף, אָפן. היינט איז אָט דער שרייבשטייגער מהוצן ראַטן־פאַרבאַנד מער נישטאָ.

אין צענטראַל־ייִדיש (קאָנגרעס־פּוילן, גאַליציע, מאַרמע־ראָש, סלאָוואַקיי), ווי אויך בוקעווינע און מאָלדעווע ווערט די פּרעפּאָזיציע אַרויסגערעדט of (ofn tish).

2) מיטן קאָנווערב (אָפּטיילעוודיקער פּרעפּיקס, ווערבאַ־לער צוגאָב) איז אַזוי: אין דער „ליטע" (קאָוונער ליטע, לעט־לאַנד, עסטלאַנד, רייסן) רעדט מען עס אַרויס uf, (nem uf, ufgenume) ביי ליטווישע פּאָעטן — פון צונזער ביז די היינ־טיקע — געפינט מען דעם גראַם: גוף — אויף, וואָס דאָס איז, פאַרשטייט זיך, uf.

אין דער אוקראַינע, באַסאַראַביע און ביי עלטערע בוקע־ווינער ייִדן רעדט מען עס אַרויס if (nem if) די ייִנגערע בוקעווינער רעדן עס אָבער אַרויס of (nem of).[1]

אינעם טראַדיציאָנעלן סאָוועטישן אויסלייג שרייבט מען: הייב אוף, אופהייבן, שטיי אוף, אופשטיין. אין סאָוועטיש היימ־לאַנד (על־כּל־פּנים אין די יאָרן 1961—1989): אוף, נעם אוף, אופנעמען. דער שרייבטשטייגער אוף דעקט ביידע אַרויסרעדן: uf, if פּונקט ווי דער שרייבשטייגער קום דעקט ביידע אַרויסרעדן: kum, kim.

אין צענטראַל־ייִדיש — קאָנגרעס־פּוילן און די גרעסטע טייל גאַליציע — ווערט דער קאָנווערב אַרויסגערעדט of; אין די קאַרפּאַטן־בערג און אויף דרום פון די קאַרפּאַטן־בערג — ouf, וואָס דאָס איז יאָ מרמז אויפן שרייבשטייגער אויף.

שטעלט זיך די קשיא: אויב אַלע געבוירענע ייִדיש־רע־דערס רעדן די פּרעפּאָזיציע אַרויס af אָדער of און דעם קאָנווערב uf, if, of, ouf, פאַר וואָס זשע שרייבט מען זיי אַלע אויף? איז דער תּירוץ: די לאַנג־דורותדיקע שרייב־טראַדיציע בכלל און די נאָמינירונג דורך די תּקנות פון ייִדישן אויסלייג

---

[1] דער שרייבער פון די שורות, געבוירן אין טשערנאָוויץ אין 1927, רעדט עס אַרויס of. בנוסח צענטראַל־ייִדיש; זיין שוועסטער, געבוירן אין 1920 — if. אונדזער מאַמע האָט עס בפירוש תּמיד אַרויסגערעדט if, מיין שוואָגער — פון סערעט (דרום־בוקעווינע) — אויך if. מ. מ. שאַפּיר ע״ה — פון שאַץ (דרום־בוקעווינע) — if.

(וואָס דער ייִוואָ מיטן הסכם פֿון ציש״אָ האָט ארויסגעגעבן אין 1937) בפֿרט.
איז אויב מיר שרײַבן אויפֿן שוועל, בהסכם מיט די תּקנות, פֿאַר וואָס זשע טראַנסקריבירן מיר afn shvel? ערשטנס, ווײַל מיר האַלטן, אַז בײַם טראַנסקריבירן מיט לאַטייִנישע (צי אַנדערע) אותיות דאַרף מכריע זײַן דער ארויסרעד: shvegern, af (rebetsn, lerern) ba, (אין ערגעץ רעדט מען נישט ארויס /באים טיש/, רק /באם טיש/,[2] ken (נישט: keyn)[3]. אַנדערש וואָלט עס געווען טראַנסליטעראַציע, נישט קיין טראַנסקריפּציע, אָבער דאָס איז שוין אַ באַזונדערער ענין.
„צי מיינט, עס, אַז דער ארויסרעד oyf איז אַ גרײַז?״ פֿרעגט הבר יאָפּע. ניין, נישט קיין גרײַז, אָבער נאַטירלעך ייִדיש אויך נישט. געבוירענע ייִדיש־רעדערס, וואָס זיי האָבן דאָס לשון אײַנגעזאַפּט מיט דער מאַמעס מילך, וועלן עס אַזוי נישט ארויסברענגען. יאָ, מיר ווייסן, מיר ווייסן — אין די ייִדישע שולן אין אַמעריקע און אפֿילו אין פֿאַרמלחמהדיקן פּוילן (אָבער נישט אין ראַטן־פֿאַרבאַנד, און אויך נישט אין די שולן פֿון דער קולטור־ליגע אין באַסאַראַביע בשעתו) האָט מען געלערנט oyf, פּונקט ווי זיי האָבן די שטומע יוד אינעם פֿעמינין־סופֿיקס ־ין צום באַדויערן, טאַקע ארויסגערעדט: shvegerin, lererin. טויג טאַקע נישט. מע דאַרף, ווי שוין געזאָגט, ארויסרעדן shvegern, lerern. מיר זאָגן טאַקע נאָך אַ שבֿח די ציש״אָ־שולן, אָבער ווער סע הערט זיך צו מיט קאָפּ ווי טייל ציש״אָ־אַביטוריענטן רעדן פֿון דער טריבונע — אמת, נאָר יחידים, — כאַפּט באַלד, אַז אין כּמה־וכּמה פּרטים איז עס אי אַן אותיותדיקער ארויסרעד (spelling pronunciation) אי אַ געקינצלט פֿאַמעלעכקייט — די ווערטער קומען בײַ זיי אַ מאָל ארויס נישט אין טאַקטן, ד״ה עטלעכע ווערטער צווישן איין פּויזע און דער צווייטער, נאָר צווישן איין וואָרט און דעם אַנדערן — אַ פּויזע!

[2] אין ליטווישן דיִאַלעקט איז יאָ פֿאַראַן אַ פֿאָרמע; ǩayn tog, אָבער אין ליטעראַרישן ייִדיש האָט זיך עס ניט אָנגענומען.
[3] אין צענטראַל־ייִדיש /קא(נ)/, אין ליטווישן ייִדיש /קון/: כ׳האָב ניט קיין געלט (מאַניט קונגעלט).

יונגוואלד נומ. 10

מ., „סאָוועטסקי פּיסאַטעל", 1990, 144 זײַטן

אונטער דער אַלגעמיינער רעדאַקציע פון א. ווערגעליס
קינסטלעריש־טעכנישער רעדאַקטאָר —
ס. טיטאָווא
קאָרעקטאָר ב. גערשמאַן

ЮНГВАЛД № 1

М., «Советский писатель», 1990, 144 стр.

Под общей редакцией А. Вергелиса
Художественно-технический редактор
С. Титова
Корректор Б. Гершман

Сдано в набор 24.07.90. Подписано к печати 8.10.90
Формат 70×100 1/32. Бумага офс. № 1.
Условн. печ. л. 5,81. Цена 20 коп. Заказ № 403.

Редакция журнала «Советиш геймланд»
Москва, 101000, Центр, ул. Кирова, 17.

Ордена Трудового Красного Знамени
Московская типография № 7 «Искра революции»
В/О «Совэкспорткнига» Государственного
комитета СССР по печати.
Москва, 121019, пер. Аксакова, 13.

Supplement to "Sovietish Heimland" No. 10, 1990.

© Журнал «Советиш геймланд», № 10, 1990